בס"ד / שנה ו' / פרשת אמור / נומער 310



# קרענצל

- **ל"ג בעומר פראיעקט טיהר את עיר טבריי'**
  יואל שניצלער
- **היסטארישע שבת ביים נייעם געגענט אין שטעטל מיטן ראש ישיבה שליט"א**
  ישראל דוד העסקעל
- **פארבאט אויף רייכערן אין ענגלאנד**
  וועלטליכע נייעס
- **קאווע שטערט פון וואקסן?**
  גרשון קרעמער
- **מען לעבט א וואקעישן לייף**
  משה ארי' שניצלער

## עולו ואתכנשו להילולא דרבי שמעון

דינסטאג ל"ג בעומר אין קרית ברסלב ליבערטי
**בהשתתפות דעם ראש ישיבה שליט"א**

עיר וקדיש מן שמיא נחית
כי לא תשכח מפי זרעו
מעמד
הדלקה רבתי
בקרית ברסלב ליבערטי
אשרינו מה טוב חלקינו בהילולא דבר יוחאי

בס"ד

פרשת
אמור
תשפ"ו

**נומער**
**310**

שנה ו'


| | |
|---|---|
| 04 | הדלקה רבתי |
| 08 | טיהור עיר טבריה |
| 15 | ווערטעלעך |
| 16 | אלץ און אלעמען |
| 18 | בריוו פון ראש ישיבה |
| 20 | פשרה'לאך |
| 22 | מעשה פון א צדיק |
| 24 | היכל הלכה |
| 22 | מעשה פון א צדיק |
| 27 | א ווארט צווייי |
| 32 | שבת אין ווילעדזש |
| 40 | געשעענישן |





















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעט, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.


בלעטל


**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938





כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

# ווי אזוי מאכט עס זלמי?

ער זיצט זיך אזוי רואיג מיט זיין טיי
בשעת ער קנאקט א ח״י פרקים און
זיין פראפערטי איז אייביג זויבער און
שמעקט א מחיה●

**KB GROUP**
**property management and construction team**

845.439.0001

KBMANAGEMENTNY.COM

GRASS CUTTING \\ LANDSCAPING \\ RUBBISH REMOVAL \\ PROPERY CLEANUP

עיר וקדיש מן שמיא נחית

כי לא תשכח מפי זרעו

מעמד

הדלקה רבתי

בקרית ברסלב ליבערטי

# הדלקה רבתי

מיט גרויס
התרגשות דקדושה
גרייטן זיך אנשי
שלומינו צום
גרויסארטיגן מעמד

דינסטאג ל"ג
בעומר אין קרית
ברסלב ליבערטי
בראשות הראש
ישיבה שליט"א

# זכותים

## זכות הילולא

$3,600

## סעודת ל"ג בעומר

$1,800

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| | | מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו | מו"ה משה איינהארן הי"ו | |
| | | | | |

## זכות סעודת תשב"ר

$2,600

## כלי זמר

$500

| | |
|---|---|
| מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו | |
| | |

תרומת ח"י רוטל לכבוד רשב"י, ובפרט ביום ההילולא שלו, הוא סגולה לזרע חייא וקיימא (ספר טעמי המנהגים).

## זכות שמן זית

$360

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| מו"ה ישראל מאיר ראטענבערג הי"ו | מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו | מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו | מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו | מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו |
| מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו | מו"ה לייבי ראטה הי"ו | | | |

## זכות ח"י רוטל

$180

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| מו"ה אשר לעווי הי"ו | מו"ה הרוצה בעולם שמו הי"ו | מו"ה אלי' פערל הי"ו | מו"ה אייזיק ראטה הי"ו | מו"ה יוסף פעלדמאן הי"ו |
| מו"ה ישראל רייזמאן הי"ו | מו"ה שמעון ניישטיין הי"ו | מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו | מו"ה יצחק פעלדמאן הי"ו | מו"ה יקותיאל פעלדמאן-הערשי ברייער הי"ו |
| מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו | מו"ה שבתי מארקוס הי"ו | מו"ה מרדכי היימליך הי"ו | מו"ה אליעזר שמן הי"ו | מו"ה שמואל דוד ברוין הי"ו |
| | | | | |

צו נעמען א זכות פארבינדט אייך מיטן שמש מו"ה ישראל פוקס הי"ו 845-720-2560



*sruliHeskel

# הדלקה רבתי

מיט גרויס
התרגשות דקדושה
גרייטן זיך אנשי
שלומינו צום
גרויסארטיגן מעמד

דינסטאג ל"ג
בעומר אין קרית
ברסלב ליבערטי
בראשות הראש
ישיבה שליט"א






פארקינג וועט זיין ביים בנין הבאזאר פון דארט וועלן קורסירן שאטלס וואס וועלן אפנעמען און ברענגען דעם עולם ביזן שטח ההדלקה ביים בית מדרשינו הגדול.

צו נעמען א זכות פארבינדט אייך מיטן שמש מו"ה ישראל פוקס הי"ו 845-720-2560



*sruliHeskel



# טיהר את

יואל שניצלער



# עיר טברי׳

די הייליגע חכמים דערציילן (בבלי שבת לג:; ירושלמי שביעית ט, א; מדרש בראשית רבה עט, ו), אז ווען דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי איז ארויסגעקומען פון די הייל מיט זיין זון רבי אלעזר, דער אייבערשטער האט זיי געמאכט א נס אז די גזירה אויף זיי איז שוין בטל געווארן, האט רבי שמעון בר יוחאי געזאגט, אזוי ווי דער אייבערשטער האט מיר געמאכט א נס וויל איך עפעס מתקן זיין, וואס זאל אויך זיין א טובה פאר די שטאט אויף דעם וואס ער האט הנאה געהאט פון די שטאט טברי', דורך זיך ארומוואשן דארט אין די חמי טברי', ער איז געגאנגען און ער האט אויפגערייניגט די שטאט טברי' פון קברי מתים.

ווי אזוי האט ער אויפגערייניגט די שטאט? אין טברי' זענען אמאל גע'הרג'עט געווארן אסאך מענטשן און מען האט זיי באגראבן ארום די שטאט וואו עס האט זיך געלאזט, און שפעטער האט מען נישט געוואוסט וואו עס איז דא א קבר און יענע פלאץ איז מטמא, וועלכע פלאץ איז ריין פון טומאת מת, און עס האט געשטערט פאר די כהנים.

האט רבי שמעון בר יוחאי גענומען אויף זיך דאס צו מתקן זיין, ער האט גענומען תורמסין, א סארט גרינס, און האט געווארפן שטיקלעך דערפון אין די גאסן דארט וואו עס איז געווען א ספק אויב עס איז דא דארט א מת, ביי די פלאץ וואו עס איז געווען א מת איז דער מת ארויסגעקומען און מ'האט דעם מת באגראבן אויסער די שטאט, און דארט וואו עס איז נישט געווען קיין מת איז דער שטיקל תורמס געבליבן ליגן, אזוי איז דער הייליגער רבי שמעון ארומגעגאנגען די גאנצע שטאט טברי' און אנגעצייכנט אלע פלעצער וואו עס זענען דא מתים און וואו עס איז ריין, אזוי האט ער אויסגערייניגט די גאנצע שטאט און אלע מסופק'דיגע פלעצער פון מתים.



אויפן בילד: זעט מען די דרום זייט פון שטאט טבריה שנת תרכ"ב

דער ענין פון אנצייכענען וואו עס ליגן מתים און לייגן מציבות איז א גרויסע טובה פאר א שטאט, בפרט פאר די כהנים, און דאס איז פון די וויכטיגע צרכי רבים, און איז אויך איינע די פאסיגע זאכן אין וואס צו עוסק זיין נאך א נס ווען מ'וויל עפעס באצאלן פארן כלל.

אזוי ווי רבי שלמה הכהן זצ"ל פון ווילנא איז מאריך אין זיין ספר שאלות ותשובות בנין שלמה סימן נה, אז דערפאר האבן די הייליגע חכמים מתקן געווען צו עוסק זיין אין צרכי רבים אום חודש אדר, אזוי ווי די משנה זאגט אנהייב מסכת שקלים: "באחד באדר משמיעין על השקלים" אנהויב חודש אדר האבן אלע אידן געגעבן א מחצית השקל צו פארריכטן די וועגן, און די גאסן און אזוי ווייטער, און אויך צו אנצייכענען קברים, דאס הייסט אויב די רעגן דורכאויס די ווינטער האט אוועק געוואשן די סימנים אז עס איז דא דארט א קבר האט מען דאס איבערגעמאכט, און אויך די ארבעט צו לייגן מציבות ביי קברים, ווייל אין חודש אדר איז דאך געווען די געוואלדיגע גרויסע נס פורים, וואס כלל ישראל איז געראטעוועט געווארן פון די ביטערע גזירה פון המן און אחשורוש, וכו', עיין שם, זעט מען די שייכות פון עוסק זיין אין צרכי הרבים, וואס צווישן זיי איז פארריכטן די מציבות, צו באצאלן פאר

די ניסים וואס דער אייבערשטער מאכט, אזוי ווי רבי שמעון בר יוחאי האט געטון אין טברי׳.

*

דאס איז איינע פון די אויפטואונגען פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי וואס דער הייליגער בן איש חי זכותו יגן עלינו האט איינגעשטעלט אינעם פיוט: "ואמרתם כה לחי, רבי שמעון בר יוחאי" – וואס ער האט פארפאסט, "טיהר את עיר טברי׳, עשה אותה נקי׳", די גרויסע זיכוי הרבים און מצוה פון אויסרייניגן די שטאט פון טמאי מתים.

אגב, אין "ספר מירון" ווערט דערציילט פון אן עד ראי׳, רבי יוסף טובול ז"ל, וואס ער איז געווען אלס קינד אין יאר תרכ"ט אין מירון ווען דער הייליגער בן איש חי זכותו יגן איז דארט געווען.

ער דערציילט אז דער בן איש חי איז אנגעקומען קיין מירון ל"ג בעומר צו פראווען די הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי, דארט האט ער צום ערשטן מאל געזינגען דעם שיר "ואמרתם" וואס ער האט מחבר געווען לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי; דער הייליגער בן איש חי האט אנגעהאנגען א זילבערנע בלעך אויף א קייטל וואס איז געווען אנגעטון אויף זיין האלז, און אויף דעם בלעך איז געווען אויסגעקריצט דעם שיר "ואמרתם כה לחי" וואס ער האט



דער בן איש חי ביי זיין באזוך אין ארץ ישראל

מחבר געווען, דער בן איש חי האט דאס פארגעזינגען און אויסגעלערנט פאר די פילע אנוועזנדע, מיטן ניגון, און ער האט דארט געטאנצן און זיך שטארק געפרייט צוזאמען מיט אלע משתתפים לכבוד הילולא דבר יוחאי.

(אין שאלות ותשובות חתם סופר, חלק ד' סימן קב, זאגט דער הייליגער חתם סופר אז אום ל"ג בעומר, י"ח אייר, האט די מן אנגעהויבן צו פאלן פאר די אידן אין מדבר, אפשר קען מען זאגן אז דאס האט א שייכות מיט רבי שמעון בר יוחאי מיט זיין פעולה פון צווישנשיידן צווישן טהור'ע פלעצער און טמא'נע פלעצער, אזוי ווי די מן האט אויך אנגעצייכנט ווער עס איז ערליך און ווער חס ושלום נישט, אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת יומא דף עה.).

*

אין אייראפע און אין ארץ ישראל איז איינגעפירט שוין פאר הונדערטער יארן אז די חברה קדישא האבן א באשטימטע טאג אין יאר וואס איז געווארן אוועקגעשטעלט אלס א "יום חשבון הנפש", אין דעם טאג פאסטן זיי, מ'זאגט ספעציעלע סליחות, דערנאך גייען זיי אין בית עלמין צו איבערבעטן די נפטרים, אויב זיי האבן פוגע געווען אין זייער כבוד, און אויך אין בית עלמין זאגן זיי ספעציעלע סליחות און תפילות.

ביינאכט מאכט מען א סעודה בהשתתפות דער רב פון שטאט, וואס טרעט אויף מיט א דרשה לכבוד דעם טאג.

רבי יוזפא זצ"ל, דער שמש פון שטאט ווירמייזא, וואס ער איז געווען קהל'ס שרייבער, א שוחט און מוהל, האט מחבר געווען עטליכע ספרים, צווישן זיי דער ספר "מנהגים דק"ק ווירמיישא", אינעם מבוא שרייבט ער איבער דעם באשטימטן טאג פון די חברה קדישא: "אין דעם טאג דארף די חברה קדישא זיך אומקוקן און מאכן סדר אין אלע זייערע עניינים, און פאררעכטן וואס מען דארף פאררעכטן אינעם עבר און אויף לעתיד", און שפעטער מאכט מען א סעודה, אזוי אויך ברענגט ער דארט, אז א טאג בעפאר דעם בשטימטן טאג פאסטן אלע און מ'זאגט סליחות אין רש"י'ס בית הכנסת, אזוי אויך איז מען ארויס אויפן בית עלמין, מ'איז ארומגעגאנגען דעם בית עלמין און מתפלל געווען אויף קברי צדיקים.

דער באשטימטער טאג פאר חברה קדישא איז אין רוב לענדער און קהילות געווען ז' אדר, אבער אין געוויסע שטעט און קהילות איז דאס געווען באשטימט אויף ערב ראש חודש אדר, ט"ו כסליו, און אויך אום ל"ג בעומר, געבויט אויף די פעולות פון רבי שמעון בר יוחאי וואס האט עוסק געווען אין דעם אין שטאט טברי׳, אדער צוליב וואס אין דעם טאג האט זיך אפגעשטעלט דאס שטארבן פון תלמידי רבי עקיבא.

*

מיטן אייבערשטנס הילף וועלן מיר דא אראפברענגען א ליסטע פון קהילות און שטעט וואו די יום החברה קדישא איז געווען בלויז, אדער אויך, אינעם טאג ל"ג בעומר.

*

אינעם עיר ואם בישראל פרעשבורג, און אין רוב אשכנזי'שע קהילות, איז די יום החברא קדישא געווען ל"ג בעומר, און דער הייליגער חתם סופר פלעגט ארויסגיין מיט די חברה קדישא א טאג בעפאר, ל"ב בעומר, אויפן בית עלמין אין שטאט און אויפטרעטן מיט א דרשה פאר די חברא קדישא, און דעם פאלגנדן טאג – ל"ג בעומר האבן די חברה קדישא געפראוועט א גרויסע סעודה, און באשטימט נייע גבאים און חברים אין די חברה.

אזוי אויך שבת פאר ל"ג בעומר האט יעדער חבר פון חברה קדישא געהאט א זכות צו באקומען אן עלי׳ לתורה.

דער איינפיר פון דעם מנהג אין שטאט פרעשבורג, צוזאמען מיט די אנדערע תקנות פון די חברה קדישא האט מייסד געווען הרב רבי יום טוב ליפמאן ב"ר עזריאל זצ"ל אין די ת"פ יארן.

רבי יום טוב ליפמאן האט אויך מייסד געווען ספעציעלע תפילות פאר דעם טאג פאר די חברה קדישא, בייגעלייגט זענען אויסצוגן פון די תפילה וואס ער האט מייסד געווען:



*געמאלן בילד פון בית המדרש אין שטאט לענגאוי*

"רבון העולמים אדון כל הנשמות... אתאנו לפניך... אנחנו בני החבורה גומלי חסדים עם המתים... ומאז עסקנו במצוה אנחנו דואגים... אולי לא עסקנו באיזה מת מן המתים כשורה, ופגמנו בכבודו, או שעשינו לו זלזול ובזיון בנשיאת המטה או בהלבשת התכריכין והטהרה... על הכל אנחנו כולנו כתתנו רגלינו... לבקש מחילה את המתים הנקברים פה... ועתה ד' אלקינו ואלקי אבותינו נוצר חסד לאלפים ועושה חסד את החיים ואת המתים, באנו לפניך ברוב תחינה ובקשה... ובצום ובתענית היום, אשר קבלנו עלינו להתענות על ככה יום אחד בכל שנה... למחול ולסלוח ולכפר לנו כפרה גמורה על כל אלה... ונזכה בימינו במהרה לביאת משיח צדקנו ולבנין בית הבחירה אמן וכן יהי רצון".

*

אין שטאט הומיל אין רוסלאנד פלעגט מען ארויסגיין אויפן בית עלמין אום ל"ג בעומר, בפרט די חברה קדישא וואס האבן זיך דאן אומגעקוקט אויב מען דארף עפעס פארעכטן אויפן בית עלמין, דערנאך האט מען געמאכט דארט א שטיקל סעודה אויף לעקיך און ברוינפן און געגעסן אייער.

ווען עס האט געדינט דארט אלס רב הרב הקדוש רבי אייזיל הומלייר זצ"ל, תלמיד פון הייליגער רבי דובער פון ליובאוויטש זי"ע, באוואוסט אלס דער מיטעלער רבי, האט מען זיך געפירט אז נאכדעם וואס מען האט געענדיגט אין בית החיים און מ'האט זיך געזעצט צום סעודה האט מען געשיקט א וואגן צו ברענגען דעם רב, דער רב איז אריין פאר א קורצע צייט אינעם בית החיים, און נאכדעם האט ער זיך צוגעזעצט צו די סעודה און גערעדט אביסל בדברי תורה וחסידות.

איין יאר ל"ג בעומר ווען דער רב איז געווען אינעם בית החיים, האט ער זיך אפגעשטעלט ביי איין מצבה, און איז דארט געשטאנען פארזינקען אין זיינע מחשבות, דערנאך האט ער זיך אנגערופן צום הויפט פון די חברה קדישא, וואס האט אים באגלייט: "אויבן אין הימל מאנט מען פונעם נפטר וואו עס זענען די אלע מעלות וואס שטייען אויף זיין מצבה... גיי ברענג א האק", דער הויפט פון די חברה קדישא האט געברענגט א האק און דער רב האט געהייסן מען זאל צעברעכן די געשריבענע חלק פון די מצבה, נאכדעם וואס מען האט דאס געטון איז מען געגאנגען צו די סעודה



*בית המדרש אין שטאט ענדיגען*

וואו מען האט שוין געווארט אויפן רב, און ער האט זיך אנגערופן: "עס זאל מיר צוניץ קומען די זכות פון די גרויסע טובה וואס איך האב געטון פאר די נשמה..."

*

אזוי אויך איז אינעם אומגעגנט פונעם שטאט מוהילוב אין ווייס-רוסלאנד, איז געווען איינגעפירט אז די חברי חברה

קדישא פלעגן ארויפגיין צום בית עלמין פאררעכטן די קברים און ארויסרייסן די גראזן, ווען זיי האבן געענדיגט די ארבעט האבן זיי צוגעשטעלט דרייסיג פערציג אייער, יעדער האט באקומען א האלבע איי, און די קינדער פונעם שטעטל וואס האבן געוואלט האבן א חלק אין די סעודה האבן ארויסגעהאלפן מיטן אויפריינינגן דעם בית החיים, און זיי האבן אויך באקומען פון די סעודה.

*

אין די קהילות ענדיגען און לענגנאוי אין שווייץ איז די "יום החברה קדישא" געווען אום ל"ג בעומר.

*

אין שטאט ביאלע אין פוילן פלעגן זיך די חברה קדישא צאמקומען צו קדישים און סעודות יעדע ראש חודש, אחרון של פסח, שמחת תורה און ל"ג בעומר; די עיקר סעודה פלעגן זיי אבער פראווען אום ט"ו כסליו.

*

אין שטאט ניקלשבורג האט מען אויפגענומען פרישע גבאים ביי א סעודה וואס מען האט געפראוועט אום חול המועד פסח, אבער די חשבון פון אלע הוצאות און הכנסות האט מען געמאכט און אויסגעשמועסט ל"ג בעומר.



*

אין די באקאנטע שטאט דֶבְּדוּ, אין צפון מזרח מאראקא, באקאנט אלס "עיר הכהנים", האט די חברה קדישא אנגעפירט ל"ג בעומר א מעמד "הדלקת נרות הצדיקים והנפטרים", די פילע לעכט האבן די בני הקהילה געצינדן אין א זייטיגע שטיבל ביים אריינגאנג צום אלטן בית החיים, וואס גייט שוין צוריק צו איבער ניין הונדערט יאר צוריק.

מיטן צינדן די לעכט האט מען מתפלל געווען אז דורך די כח פון די צדיקים זאלן בטל ווערן אלע שלעכטע גזירות.

מ'האט אויך באזוכט ביי די קברים און דארט געצינדן לעכט, אז פארנאכטס ביי די שקיעה האט די גאנצע בית עלמין אזוי געזען ווי א הערליכע באלויכטענע בארג.

***בילד: בית עלמין אין שטאט דעבדו***

*

אין קהילת צעפרו, א שטאט אין



***בית הכנסת אין שטאט צעפרו***

צענטער פון מאראקא האט די חברה קדישא געטראגן דעם נאמען "חברת רבי שמעון בר יוחאי".

און בעצם האט מען אזוי גערופן די חברה קדישא אין גאנץ מאראקא (צוליב

געגעבן אום ל"ג בעומר שנת תרס"ט, צום פופציגסטן יארטאג פון דאס גרינדונג פון די חברה קדישא אין שטאט; זעט זיך אויס אז אין שטאט דעש האבן אויך די חברה קדישא געפראוועט זייער יום

וקבלתי דמי שכירות הכתיבה מן קהל ... נאם הכותב הקטן סיני בן לא"א מהור"ר יצחק זעקלין ז"ל לואנץ נאמן דק"ק ווירמיישא".


כי שעשה נסים לאבתינו וגאל אתם מעבדות לחירות הוא יגאל אותנו בקרוב ויקבץ נדחנו מארבע כנפות הארץ חברים כל ישראל ונאמר אמן

ראש חדש פלוני ביום ראשון שני שלישי רביעי חמישי ששי וביום השבת הבא עלינו לטובה

יחדשהו הקב"ה לששון ולשמחה לחיים ולשלום עלינו ועל כל ישראל ונאמר אמן

יחדשהו הקב"ה עלינו ועל כל עמו בית ישראל לחיים ולשלום לששון ולשמחה לישועה ולנחמה ונאמר אמן

זה השער לה'

ספר
הזכרות נשמות
העתקתי מן הספר הזכרות
נשמות ישן דק"ק ווירמיישא בעוויי
קהל יצ"ו לזכור מתוכו נשמות בכל שבת
ושבת בב"ה דרש"י זצ"ל הנקרא לע"ע ב"ה דבית ה
המדרש ונגמר יום ו' עש"ק ל"ג בעומר שנת דפד"ות לפ"ק
וקבלתי דמי שכירות הכתיבה מן קהל יצ"ו הנ"ל נאם ה
הכותב הקטן סיני בן לא"א מהורר יצחק זעקלין ז"ל לואנץ
נאמן דק"ק ווירמיישא

***בילד: ספר זכרונות ווירמייזא***

די אויבנדערמאנטע סיבה, אז רבי שמעון בר יוחאי האט אנגעצייכנט די קברים אין טבריה), צוליב דעם איז אום ל"ג בעומר געווען די יום החברה.

אלע גרופעס האבן זיך צאמגענומען צו א סעודה של מצוה, מיט מוזיק, און אין די זעלבע צייט האט מען אויפגעשריבן אינעם פנקס די נייע מיטגלידער אין די חברה, און די יונגע חברים האבן די טאטעס מנדב געווען געלט פאר די חברה.

*

אין ספר כנסת יחזקאל פון הרה"צ רבי יחזקאל פאנעט זצ"ל מדעעש, טרעפט מען א דרשה וואס ער האט

החברה אום ל"ג בעומר.

*

אין א פנקס הזכרת נשמות פון קהילת ווירמייזא, טרעפן מיר ווי דער סופר שרייבט אז ער האט דאס געענדיגט מעתיק זיין אום ל"ג בעומר, שנת תצ"ד; מעגליך אז דאס ווייזט אויך אויף א שייכות וואס די חברה קדישא האט געהאט מיטן טאג ל"ג בעומר.

ווי דער סופר שרייבט:

"העתקתי מן הספר הזכרונות נשמות ישן דק"ק וורמיישא בצוויי קהל יצ"ו לזכור מתוכו נשמות בכל שבת ושבת בב"ה דרש"י ... ונגמר יום ו' עש"ק ל"ג בעומר שנת דפדו"ת [=תצ"ד] לפ"ק,

*

עס זענען דא נאך שטעט און קהילות וואס האבן באשטימט זייער יום החברה אום ל"ג בעומר וואס מיר זענען דערוויל נאכנישט אנגעקומען צו דאקומענטירן, ובעז"ה עוד חזון למועד.

עס איז אונזער תפילה און ווונטש אז די אלע הייליגע נשמות פון די מיתי ישראל זאלן מתפלל זיין פאר אונז און מליץ יושר זיין פאר אונז אז מיר זאלן זוכה זיין ארויסצוגיין פון גלות און זוכה זיין צו די גאולה שלימה, בזכות התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי, אמן.

וועלטליכע

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם



## ענגלאנד פירט צוביסלעך איין א גענצליכע פארבאט צו רייכערן

אין ענגלאנד האט דער פארלאמענט באשטעטיגט א געזעץ וואס פארבאט פאר יעדן וואס איז געבוירן פונעם יאר 2008 למספרם און ווייטער צו קויפן לעגאל סיי וועלכע ציגארעטל אדער טאבאקא פראדוקט.

די בריטישע רעגירונג וויל דערמיט שאפן די וועלטס ערשטע "רייכערן-פרייע געזעלשאפט". וויבאלד זיי פארשטייען אז עס איז נישט רעאליסטיש צו פארבאטן רייכערן פאר יעדן איינעם אויפאיינמאל, האבן זיי אנשטאט דעם איינגעפירט א "ראלינג עלטער-פארבאט". דאס מיינט אז יעדעס יאר וועט די לעגאלע עלטער צו מעגן קויפן טאבאקא ארויפגיין מיט איין יאר, אזוי אז די וואס זענען היינט אונטער 15-16 יאר וועלן קיינמאל נישט אנקומען צו די לעגאלע עלטער.

דער פארבאט נעמט אריין אלע טאבאקא פראדוקטן, ארייננגערעכנט ציגארן און אנדערע סארטן טאבאקא וואס מען ניצט צום רייכערן. לויטן געזעץ וועלן געשעפטן וואס וועלן געכאפט ווערן פארקויפן טאבאקא פאר די וואס זענען נישט ערלויבט, באקומען גרויסע געלט-שטראפן און זייער גאנצע סחורה וועט קאנפיסקירט ווערן.

כאטש דער נייער געזעץ איז בעיקר געצילט אויף טאבאקא, לייגט עס אבער אויך שטארקע באגרעניצונגען אויף עלעקטראנישע ציגארעטן (וועיפינג), ווען פארשידענע פלעיווארס און קאלירפולע פעקעדזשינג וועלן פארבאטן ווערן.

עס זענען דא עטליכע צילן פארן פארבאט, אבער דער הויפט ציל איז געזונטהייט: רייכערן ווערט פאררעכנט אלס די גרעסטע טויט-אורזאך אין רוב לענדער. לויט די סטאטיסטיקס פירט רייכערן צו הונדערטער טויזנטער פעלער פון יענע מחלה און הארץ קראנקהייטן ל"ע יעדעס יאר אין ענגלאנד.

אויך טענה'ט די רעגירונג אז די קאסטן וואס די "נאציאנאלע העלט סערוויס" (NHS) צאלט צו היילן די פילע מחלות ל"ע וואס קומען פון רייכערן, זענען פיל העכער ווי די שטייערן וואס דאס לאנד פארדינט פון טאבאקא פארקויף.

דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו פאר א בחור: "רייכער נישט, טו נישט די נארישקייט. דו ביסט א יונג קינד, א שאד פאר דיין לעבן. דער רבי' האט נישט געוואלט מען זאל רייכערן (חיי מוהר"ן, סימן רעג, תעב), פארוואס זאלסטו דאס טון? איך וועל רעדן צו דיין מגיד שיעור ר' משה שמואל נרו יאיר, ער זאל דיך מחזק זיין אויף דעם אז דו זאלסט נישט רייכערן. רייכערן לופטערט נישט אויס, עס מאכט נאר מער אנגעצויגן; אויב דו ווילסט זיך אויסלופטערן - זאלסטו גיין הפצה, הפצה לופטערט אויס דעם מח; אנשטאט שטיין אינדרויסן פון ישיבה אדער פונעם בית המדרש און בטל'ן צייט - גיי הפצה."

איבער עלעקטראנישע ציגארעטלעך שרייבט דער ראש ישיבה: "זייער גוט האסטו געטון אז דו האסט אוועקגעווארפן דאס עלעקטראנישע ציגארעטל. עס איז נישט גוט דאס עלעקטראנישע ציגארעטל, מען ווערט אזוי צוגעקלעבט צו דעם, אז וואו מען גייט און וואו מען שטייט דארף מען דאס האבן, השם ישמרינו."

דו שרייבסט: 'איך האב אוועקגעווארפן דאס עלעקטראנישע ציגארעטל נאך אסאך אסאך תפילות'; טאקע נאר אזוי קען מען זיך אפגעוויינען פון שלעכטס, נאר דורך תפילה, מיט אסאך סבלנות, און בעטן דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל."

# אלץ און אלעמען



## קאווע און וואקס

**שאלה**

א גוטן ר' גרשון, קודם כל, א גרויסן יישר כח פאר דיינע אלע ארטיקלען יעדע וואך; עס איז זייער שיין און אינטערעסאנט.

איך האב געוואלט פרעגן וועגן קאווע, צי עס איז אמת אז עס שטערט פון וואקסן אדער נישט. אויך האב איך געהערט אז די שפאנישע זענען נידעריג ווייל זיי טרינקען אסאך קאווע.

ביטע לאזט מיר וויסן ווי שנעלער, ווייל מיין קאווע ווערט שוין קאלט.

יישר כח.

**ענטפער**

א גרויסן יישר כח פאר דיין שאלה און עקסטער פאר די שיינע ווארעמע ווערטער. ערשטנס, דו דארפסט נישט ווארטן ביז דו ענדיגסט ליינען דעם ענטפער; דו קענסט שוין יעצט אויסטרינקען דיין קאווע רואיגערהייט, איך וויל נישט עס זאל ווערן קאלט...

לגבי דיין שאלה צי עס איז אמת אז קאווע שטערט פון וואקסן, אויסער אלטע איינרעדענישן ליגט גארנישט דערין. סיי דאקטוירים און סיי וויסנשאפטלער זענען איינשטימיג אז קאווע און קאפעין האבן נישט קיין שום השפעה אויף די ביינער אדער אויף דעם פיזישן וואוקס פון א מענטש.

די הויכקייט פון א מענטש ווענדט זיך בעיקר לויט די נאטור וואס דער אייבערשטער האט אים באשאפן (גענעטיקס). און דער עיקר וואס מאכט אויס אויסער גענעטיקס, איז געזונטע נעהרונג (שפייז) און שלאף אין די יונגע יארן.

מיט וואס מען נעהרט דעם מענטש אין די יונגע יארן האט א געוואלדיגע השפעה אויף שפעטער. ווען א קינד הערט אלס די חשיבות פון ערליכע אידן און ער זעט ווי זיינע עלטערן לעבן פארן אייבערשטן, באקומט ער די וויכטיגע נערונג וואס ער דארף כדי אויפצוואקסן געזונט און שטארק, צו קענען נעמען זיינע שוועריקייטן אז ער זאל נישט אונטערברעכן פון יעדע זאך.

דאס וואס דו שרייבסט אז דו האסט געהערט אז שפאנישע מענטשן זענען נידריג צוליב דעם וואס זיי טרינקען קאווע, האט גארנישט מיט'ן מציאות. דער בעסטער באווייז אז דאס איז בלויז זייער נאטורליכע גענעטיקס איז אז די לענדער וואו מען טרינקט די מערסטע קאווע אין דער גאנצער וועלט זענען די סקאנדינאוויש לענדער (פינלאנד, נארוועגיע און שוועדן), און דארט זענען די מענטשן פון די העכסטע אין דער וועלט!

דו קענסט רואיג טרינקען קאווע, אבער מאך זיכער צו מאכן אן ערליכע ברכה און דאנקען דעם אייבערשטן פאר די געשמאקע קאווע מיט וואס דו דערקוויקסט זיך טאג-טעגליך.



פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

*alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447*




## דער וועג צו ליבערטי

שאלה

איך האב א שאלה בנוגע דעם "ליבערטי מאנטיסעלאו" סיין וואס געפינט זיך ביי עקזיט 19 אויפ'ן טרואוועי, ווען מ'פארט פון קאנאדע קיין קרית יואל. נאכדעם וואס מ'נעמט דעם עקזיט, דארף מען נאך פארן כמעט א שעה צייט ביז מ'קומט אן קיין ליבערטי; מען דארף דורכפארן רוט 28, 209, 42, און 52. יעדע פון די אלע וועגן פירן צו פילע פארשידענע שטעטלעך, און לויט מיין חשבון קען מען פון דעם איינעם עקזיט אנקומען צו איבער הונדערט שטעט.

אויב אזוי, בין איך נייגעריג צו וויסן פארוואס זענען דוקא "ליבערטי" און "מאנטיסעלאו" אויסגעקליבן געווארן ארויפצוגיין אויפ'ן סיין. אמת אז פאר אונז אידן האט עס א געוויסע חשיבות, וויבאלד די צוויי שטעט זענען די היים פון גרויסע הייליגע אידישע קהילות, אבער איך וואונדער מיך פארוואס ביי די אלגעמיינע גאס ווערט דאס אויך פאררעכנט פאר אזא וויכטיגע זאך אז מ'זאל עס ארויסשרייבן.

י. גוטמאן, מאנטריאל

צום ערשט, דאס איז זייער א גוטע שאלה. די אלע סיינס ווערן געשטעלט דורך די "דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע" (DOT), וואס האבן זייערע אייגענע רעגולאציעס צו באשלוסן וועלכע שטעט זאלן פיגורירן אויף די גרויסע גרינע וועג-ווייזער שילדן.

מיר וועלן דא אויסרעכענען עטליכע פונקטן וואס קענען העלפן פארשטיין וויאזוי דאס ארבעט: די ערשטע זאך זענען די "קאנטראל סיטיס". לויט די פעדעראלע אנווייזונגען, קלויבט די די-או-טי (DOT) אויס פארשידענע שטעט וואס ווערן אנגערופן "קאנטראל שטעט". דאס זענען באקאנטע שטעט וואס דינען אלס אן אנדייטונג פאר דרייווערס צו וויסן אויב זיי פארן אין די ריכטיגע ריכטונג. וויבאלד ליבערטי און מאנטיסעלאו זענען די צוויי גרעסטע שטעט אין די סאליוואן קאונטי ראיאן, זענען זיי באשטימט געווארן אלס קאנטראל שטעט. אפילו אויב עס נעמט נאך א שעה צו פארן ביז אהין, העלפט דער סיין פאר די רייזענדע – ספעציעל פאר די וואס קומען פון ווייט און קענען נישט גוט דעם געגנט – צו פארשטיין אז זיי פארן ריכטיג.

אויסער דעם איז עקזיט 19 (קינגסטאן) א גאר וויכטיגער שיידוועג, היות עס דינט אלס דער הויפט אריינגאנג וואס פארבינדט דעם "טרואוועי" (I-87) מיט'ן קעטסקילס ראיאן דורך רוט 28 און רוט 209. בכלל, סיי היסטאריש און סיי עקאנאמיש, זענען ליבערטי און מאנטיסעלאו די גרעסטע האנדל און טוריזם צענטערן פונעם גאנצן ראיאן, וואו מיליאנען מענטשן פארן אהין פאר פארשידענע סיבות, ארייננגערעכנט די פארקס, טרעילס, און אנדערע פארוויילונג ערטער.

עס איז אמת אז כדי צו טרעפן דעם אייבערשטן זענען דא די גאנצע תרי"ג מצוות - יעדע מצוה ברענגט א מענטש נענטער צום אייבערשטן און יעדע גוטע זאך פירט אים צום ריכטיגן דעסטינאציע - אבער אויף די הויפט 'הייוועי' דארף מען ארויפשרייבן די וויכטיגסטע שטעט, וואס וועלן דערמאנען דעם מענטשן וואו ער דארף אנקומען.

דער רבי האט זיך פארלייגט אויף געוויסע ספעציפישע זאכן, ווייל דאס וועט ברענגען דעם מענטשן צו אלעס אנדערש. צום ערשט איז דאס רעדן צום אייבערשטן. נאכדעם איז וויכטיג א מענטש זאל טון אלעס וואס ער קען נאר כדי צו זיין פריילך. דאס זענען די צוויי זאכן מיט וואס א מענטש זאל זיך ארומנעמען, וואס דאס וועט אים העלפן אריבערגיין דעם וועג בשלום.

# סעודת הודאה אין ל"ג בעומר



**בעזהשי"ת - יום ג' פרשת בהר, ט"ז אייר, שנת תשע"ו לפ"ק**

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב נישט געמאכט קיין שיעור נעכטן נאכט ווייל ל"ג בעומר מאכן מיר א גרויסע סעודה לכבוד ל"ג בעומר, און אויך א סעודת הודאה אז מיר האבן א חדר; שוין זעקס יאר וואס די חדר שטייט און מען לערנט מיט די קינדער אויף דעם וועג וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט. איך וויל זייער שטארק אז דו זאלסט קומען צו די סעודה מיט דיין ווייב, זיך מיט פרייען אז מיר האבן א פלאץ וואו מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער מיט די הייליגע רבינ'ס לימודים.

דער רבי האט אמאל געזאגט ל"ג בעומר: "די חתונה איז אין מירון, אבער דער חתן איז דא"; דאס הייסט אז מען פארט אויף מירון צו רבי שמעון, ווייל רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט אז זיין יארצייט איז אזוי ווי א חתונה, אויף דעם האט דער רבי געזאגט: "אבער דער חתן איז דא"; ווייל דער הייליגער רבי לערנט אונז אויס אלע זאכן וואס דער הייליגער תנא ר' שמעון האט מגלה געווען אינעם הייליגן זוהר.

רבי אברהם ב"ר נחמן האט געזאגט: "די גאנצע וועלט שרייט ראש השנה "המלך" אבער די הכתרה איז אין אומאן", און דערפאר פירן מיר זיך צו קלאטשן ביי "המלך"; ווייל דער רבי לערנט אויס פאר יעדן איינעם אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, און וואס מען דארף זאל מען נאר פון אים בעטן, און דאס לערנט מען מיט די אינגלעך און מיידלעך - אז פון קינדווייז אן זאלן זיי וויסן אז אלעס וואס מען דארף זאל מען נאר בעטן פונעם אייבערשטן.

די קינדער האבן אנגעגרייט א שיינע פלע"י, און זיי וועלן אויף שפילן דעם הייליגן רבינ'ס קינדער יארן. וואס זאל איך דיר זאגן, איך האב אויך זייער שטארק געוואלט פארן אויף ל"ג בעומר קיין מירון, אבער די תלמוד תורה און די מיידל סקול איז מיר וויכטיגער

א ברִיוו
פון דער
ראש ישיבה

**עצתו אמונה בהר תשע"ו**

פון אלעס, אזוי ווי ר' נתן האט געזאגט: "ביי מיר איז די עבודה פון חינוך פונקט אזוי גרויס ווי אויפשטיין זאגן תיקון חצות", און איך זאג שטענדיג: "אן מוסדות איז גארנישט דא"; מען זעט מענטשן וואס זענען געקומען צו מוהרא"ש איבער פופציג יאר און קיינער פון זיי זענען נישט געבליבן אין היכל הקודש, חוץ געציילטע תלמידים, וואס אפילו זיי זענען געבליבן אבער זייערע קינדער האבן שוין ליידער נישט געוואלט האבן א שייכות מיט "היכל הקודש", פארוואס? ווייל די קינדער האבן זיי אוועק געשלעפט, און ב"ה זייט די מוסד שטייט האלטן זיך תלמידי "היכל הקודש" שטארק, און די קינדער שעמען זיך נישט מיט ברסלב, זיי זענען שטאלץ מיט ברסלב, און זיי לעבן מיטן רבי'ן און מיט אלע עצות וואס דער רבי לערנט אונז.

"וואלט איך נישט געקומען אויף דער וועלט נאר אויפצושטעלן ברסלב'ע מוסדות איז מיר שוין גענוג", און איך האף אז דאס וועט זיין פאר מיר א תיקון אויף אלע מיינע מעשים; מען קען זיך נישט פארשטעלן וואסערע זכות דאס איז, אז מען איז משמש דעם רבי'ן. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שיד): "דער גרעסטער צדיק אין זיין דור, וועט מקנא זיין ווער עס האט אים משמש געווען", וואויל איז פאר דעם וואס איז משמש דעם רבי'ן מיט וואס מען קען נאר, און איך דאנק אלע מיינע חברים און אלע מיינע תלמידים וואס העלפן מיר, און זיי צורייסן זיך אז מיר זאלן האבן א שיינע קהילה, א קהילה וואס קיינער וויל גארנישט - נאר וואס דער רבי זאגט! און נאר וואס מוהרא"ש זאגט! און דאס איז מיר באמת א מורא'דיגע הילף, יעדער איינער מיט וואס ער העלפט מיר.

עס איז נאך קיינמאל נישט געווען זייט ברסלב שטייט, אז קינדער זאלן גיין "הפצה" אן קיין בושה, און דאס איז אלעס א תוצאה פון די מוסדות. א אינגערמאן זאגט מיר אז ווען מענטשן פרעגן אים: פארוואס שיקסטו דיינע קינדער קיין ברסלב? ענטפערט ער זייער פשוט, קורץ און שארף: "וואס איך פארגין פאר מיר, פארגין איך פאר מיינע קינדער"; דאס איז זייער א אמת'ע זאך, ווייל אז דו האלטסט אז דער פלאץ איז גוט פאר דיר, פארוואס זאלסטו נישט שיקן דיינע קינדער? פארוואס זאלסטו נישט פארגינען פאר דיינע קינדער אז זיי זאלן אויך האבן א חיים טובים? פארוואס זאלן דיינע קינדער נישט אנהייבן זייער לעבן גראד מיט אלע עצות?

יעדן טאג רופן מיך אן מענטשן אז זיי הערן די שיעורים און זיי ווילן איך זאל זיי העלפן מיט "שלום בית" וכדומה. איך הייב אן רעדן מיט זיי און איך זע ווי פארדרייט זייער לעבן איז, און עס איז זייער שווער אנצוהייבן א גוט לעבן ווען מען האט שוין חתונה געהאט אסאך יאר. דערפאר דארף מען האבן א זכיה אז די קינדער זאלן לערנען ביים רבי'ן.

ווען מיר האבן געעפענט די חדר האט מוהרא"ש געזאגט פאר דער וואס פלעגט פארלערנען שבת אין שול (איך האב נאך נישט פארגעלערענט דעמאלט, איך האב הערשט אנגעפאנגען פארלערנען שפעטער): דו רעד פון די חדר, און ווער עס וועט נישט וועלן שיקן וועט שפעטער חרטה האבן, והוה מה דהוה וד"ל; עס איז געגאנגען פאר מוהרא"ש אין לעבן אז די קינדער זאלן אויפוואקסן מיטן רבי'ן.

דערפאר בין איך נישט געפארן קיין מירון, ווייל איך וויל מאכן א סעודת הודאה צו דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האלטן שוין זעקס יאר וואס די חדר שטייט - פון אסרו חג פסח תש"ע לפ"ק. און ב"ה אז עס איז שוין דא אינגעלייט וואס האבן שוין חתונה געהאט, תלמידים פון תלמוד תורה, און זיי לעבן א שיין לעבן וואס מען זעט נישט כמעט.

איך האף צום אייבערשטן אז מיר וועלן ארויסגעבן גרויסע מפיצים וואס וועלן פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'נ'ס ספרים אן קיין בושה, אזוי וועלן מיר האבן א חלק אין ביאת המשיח.

**א גוטן טאג.**




א י ן

***קורצן פון פריער:** ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט. און יעדן ערליכן איד.*

***און יעצט לייענט ווייטער.***

יעדע טאטע און מאמע קוקן ארויס אויף די צייט ווען מאכט שוין חתונה די קינדער און מען זעט שוין אביסל נחת, נאכדערצו פון דער נאנט.

ווייניג עלטערן האבן די מסירת נפש צו זאגן פאר א יונג פארפאלק: "פארט איבערן ים, ווייל דאס איז אייער תכלית." רבי יעקב יוסף, וועלכער האט נאר געהאט איין רצון - "בטל רצונך מפני רצונו" - מבטל צו זיין זיין אייגענעם רצון פארן רצון פונעם אייבערשטן, האט צוגערעדט דאס יונגע פארפאלק ארויסצופארן פון אמעריקע און זיך באזעצן אין מיר, פוילן, ווי ער האט געפילט אז זיי וועלן בעסער קענען שטייגן אין תורה.

רבי יעקב יוסף האט אויסגעצאלט די הוצאות פאר די פארפעלקער און זיי כסדר מחזק געווען דורך בריוו צו תורה און עבודה.

ער האט זיי געמוטיגט אז זיי זאלן נישט קוקן אויף די גשמיות'דיגע שוועריגקייטן מיט וואס זיי דארפן זיך ספראווען, ווייל "כך היא דרכה של תורה" - דאס איז דער וועג פון די תורה, און אז מען לעבט א תורה'דיג לעבן איז "אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא".

...

ווען זייער טאכטער באשע איז אלט געווארן פערצן יאר, איז רבי יעקב יוסף איין טאג אהיימגעקומען מיט שיינענדיגע אויגן. "איידל," האט ער איבערראשט דערציילט פאר זיין פרוי, "איך האב געטראפן א דיימאנט פאר באשע."

"אבער באשע איז קוים פערצן יאר אלט," האט די מאמע זיך גע'חידוש'ט.

רבי יעקב יוסף, וועלכער האט געקוקט אויף די תורה און נישט אויף די גאס, האט זיך נישט צוטאן געמאכט. מען האט טאקע נאכנישט געשלאסן דעם שידוך פאַרמאל, אבער עס איז געבליבן אפגעמאכט אז אין א צייט ארום וועט מען שליסן דעם שידוך.

רבי יעקב יוסף האט באגלייט דעם בחור חיים שיינבערג דורכאויס זיינע יונגע יארן, און אים געשיקט לערנען תורה קיין ניו העיוון, קאנעטיקעט, וואו ער איז געשטיגן אין תורה און יראת שמים.

דריי יאר שפעטער האט דאס גליקליכע פארפאלק אנגעהויבן זייער לעבן אינאיינעם. צו די חתונה האט חיים באקומען סמיכה.

עטליכע וואכן נאך דער חתונה האט רבי יעקב יוסף אויך אפגעשיקט דאס יונג פארפאלק קיין מיר, וואו זיי האבן געוואוינט פאר די קומענדיגע פינף יאר.

רבי חיים איז געווען א גרויסער מתמיד. רוחמה שיין, די טאכטער פון רבי יעקב יוסף (די שרייבערין פונעם בוך "אלעס פאר אייבערשטן"), שרייבט אין איר בוך א מעשה וואס ברענגט ארויס זיין געוואלדיגע חשק און התמדת התורה:

"איין נאכמיטאג, ווען מיר האבן שוין געוואוינט אין ארץ ישראל, איז רבי חיים אריינגעקומען צו אונז אין שטוב און געבעטן מיין מאן ר' משה צו קומען שמועסן מיט אים אויפן טערעס. זיי האבן פארברענגט א שיינע וויילע, און ווען ער איז ארויסגעגאנגען האב איך זיך געווענדעט צו מיין מאן און געפרעגט: 'וואס האט ר' חיים געוואלט פון דיר?'

מיין מאן האט מיר דערציילט אז ר' חיים גרייט זיך צו פארן אויף זיין יערליכע




נסיעה קיין אמעריקע צו שאפן געלט פאר די ישיבה. וויבאלד ער וועט זיין טרוד און וועט נישט האבן אזויפיל צייט און קאפ צו לערנען, האט ער געבעטן מיין מאן ר' משה זאל לערנען יעדן טאג א באזונדערע האלבע שעה פאר זיין זכות.

איך בין געווען איבערראשט און געפרעגט מיין מאן: 'און דו האסט מסכים געווען?'"

מיין מאן האט געשאקלט מיט'ן קאפ און מיר געזאגט: "קוק אהער, איך האב געטראכט צו מיר אז מיר עסן דאך דריי מאל א טאג אינאיינעם און מיר שמועסן פאר צען מינוט. האב איך געטראכט אז איך קען אראפנעמען די דריי מאל צען מינוט, און אנשטאט שמועסן וועל איך לערנען פאר רבי חיים. וואס זאגסטו?"

דורכאויס די זיבן וואכן וואס מיין שוואגער איז געווען אין אמעריקע, האט מיין מאן געלערנט פאר זיין זכות א האלבע שעה יעדן טאג.

עטליכע יאר שפעטער, ווען מיין מאן ר' משה איז נפטר געווארן, בין איך אריבער צו מיין שוואגער רבי חיים נאך די שבעה. איך האב זיך געוואנדן צו אים מיט א ציטערדיגע שטימע און געזאגט: "רבי חיים, איר זענט שולדיג א גרויסן חוב פאר מיין מאן ע"ה."

רבי חיים האט זיך דערשראקן. איך האב אים דאן דערמאנט איבער די זיבן וואכן וואס מיין מאן ע"ה האט געלערנט פאר אים יעדן טאג אן איבעריגע דרייסיג מינוט.

"מיר שטייען יעצט א וואך פאר ראש השנה, ווען די שלשים פון ר' משה וועט זיך ענדיגן. וויל איך בעטן אז די זכות פון אייער לערנען דורכאויס די וואך זאל גיין לעילוי נשמת ר' משה."

ר' חיים איז געווען זייער שאקירט פון מיין בקשה און זיין פנים איז געווארן בלאס. "איך קען דאס בשום אופן נישט טון," האט ער געזאגט.

מיין שוועסטער, די ווייב פון ר' חיים וואס איז געווען אנוועזנד ביי די שמועס, האט זיך אנגענומען פאר מיר: "איך מיין אז עס איז נישט מער ווי יושר אז דו זאלסט לערנען פאר ר' משה'ס נשמה."

ר' חיים האט זיך אבער געהאלטן ביי דאס זייניגע, אז ער קען נישט וועקגעבן קיין האלבע שעה א טאג פאר א גאנצע וואך. נאכ'ן זיך בעטן פאר א שטיק צייט, האט ר' חיים ענדליך מסכים געווען אוועקצוגעבן פינף מינוט א טאג פאר איין וואך; דאס הייסט אז אלעס אינאיינעם איז עס פינף און דרייסיג מינוט פאר ר' משה'ס נשמה.

ווען איך האב איינגעזען אז עס איז א שאד צו בעטן מער, ווייל איך וועל ממילא נישט אנקומען צו גארנישט, האב איך אויפגעגעבן.

איידער איך בין ארויס, האט זיך ר' חיים אנגערופן: "אויב איינער זאל וואלט אריינגעקומען און מיר אנגעבאטן א מיליאן דאלער פאר די פינף און דרייסיג מינוט, וואלט איך אים קאטאגאריש אפגעזאגט."

איך בין אהיימגעקומען, ארויסגענומען א קאלקולעיטאר און צעטיילט א מיליאן ביי פינף און דרייסיג. לויט דעם חשבון איז אויסגעקומען אז א מינוט תורה איז ווערד כאטש 25,571.43 דאלער!

איך האב זיך דאן אוועקגעזעצט שרייבן א בריוו פאר מיינע קינדער וואס וואוינען אין אמעריקע, צו דערציילן די געשיכטע און אנווייזן וויפיל א מינוט תורה איז ווערד ביי אן ערליכן איד.

ביי א געלעגנהייט, ווען איך האב געבעטן רשות פון ר' חיים איבערצודערציילן די מעשה ביי א רעדע, האט ער צוגעלייגט אז א מינוט תורה איז טייערער פונעם גרעסטן סכום געלט אויף דער וועלט.

...

ווען מען ליינט אזא געשיכטע כאפט זיך צומאל אריין א מחשבה אז דאס איז נאר געמאכט פאר "יחידי סגולה". אבער דער הייליגער רבי גיט א וועג פאר יעדן איד אנצוקומען צו קענען די גאנצע תורה.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## גוטס אויף אידן

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע איז אמאל אנגעקומען אין א שטאט אויף עטליכע טעג און ער איז איינגעשטאנען ביים ראש הקהל; דער בעל שם טוב איז נישט געגאנגען דאווענען אינעם שטאטישן שול, נאר ער האט זיך געמאכט א מנין ביים שטוב פונעם ראש הקהל - דארט וואו ער איז איינגעשטאנען, אבער דער ראש הקהל איז יא געגאנגען אין שטאטישן שול דאווענען.

אויף שבת איז אויך אנגעקומען אין יענעם שטעטל א מגיד, וואס זיין פרנסה איז געווען אז ער איז ארומגעפארן אין שטעטלעך האלטן דרשות, און דער עולם האט אים געגעבן געלט פאר דעם.

שבת ביי די סעודה האט דער בעל שם טוב אויסגעפרעגט דעם ראש הקהל וואס דער בעל דרשן האט גערעדט, האט דער ראש הקהל דערציילט אז ער שרעקט אן דעם עולם, ער זאגט אז עס איז דא א רויטע גיהנום, און א געלע גיהנום און דער עולם איז זייער צעבראכן.

האט דער בעל שם טוב געזאגט פארן ראש הקהל: "אויב דער בעל דרשן גייט נאכאמאל רעדן שלעכטס אויף אידישע קינדער, זאלסטו אים זאגן אז איך רוף אים, און דו זאלסט אים נישט לאזן ענדיגן רעדן".

וכך הוה, אינמיטן שלש סעודות האט דער מגיד ווידער אנגעהויבן רעדן א שארפע דרשה, גלייך האט דער ראש הקהל אויסגעקלאפט און געזאגט אז דער בעל שם טוב רופט אים, ווען דער מגיד האט געוואלט ווייטער רעדן, האט אים דער ראש הקהל ווייטער איבערגעהאקט און אים געזאגט אז ער קען נישט ווייטער רעדן, און ער מוז גיין צום בעל שם טוב.

דער מגיד האט נישט געהאט קיין ברירה, און ער איז געגאנגען מיטן ראש הקהל צום בעל שם טוב.

ווען ער איז אנגעקומען צום בעל שם טוב האט אים דער בעל שם טוב זי"ע געזאגט: "ווי שעמסטו זיך נישט צו צעברעכן אידישע קינדער, דו ווייסט וואס געשעט אין הימל ווען א איד געבט זיך א כאפ סוף טאג נאכן ארבעטן און ער זעט אז ער האט נישט געלייגט קיין תפילין, און ער געבט א קרעכץ צום אייבערשטן, וואסערע רעש דאס מאכט אין הימל?! אדער א איד געט זיך א כאפ אז ער האט נישט געדאווענט שחרית אדער מנחה, און ער קען שוין נישט דאווענען און ער געבט א קרעכץ צום אייבערשטן, וואסערע רעש דאס מאכט אויבן אין הימל, גייסטו און דו צעקלאפסט אידן?!"

און אזוי האט דער בעל שם טוב זי"ע גערעדט צו דעם מגיד, ביז ער האט געמוזט צוזאגן פארן בעל שם טוב אז פון היינט אן וועט ער מער נישט רעדן שלעכטס אויף אידן.

*עצת אמונה קדושים תשע"ו*



א שול אין טביליסי, גרוזיע



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבענסגעשיכטע

## קנ"ח

## פאַרזעצונג פון פריער:

**רֶבִּי נָתָן גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיים רֶבִּי'ן צוּ בִּינְדֶען דִי קוּנְטְרֵסִים מִיט דִי תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

**דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אַ נָאמֶען אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן.**

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען זָאגְן פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ דָארְט וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, אוֹיף וָואס זֵייעֶרֶע נֶעמֶען זֶענֶען מְרַמֵז, סְפֶּעצִיֶעל הָאט עֶר גֶערֶעדְט פוּן זַיין תַּלְמִיד ר' שִׁמְעוֹן, וָואס אִיז אִין יֶענֶעם טָאג צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "שִׁמְעוֹן אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'עָוֹן מָשׁ'", עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט עֶרְקְלֶערְט וָואס דָאס מֵיינְט אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָאס הָאט מִיט דֶעם ר' שִׁמְעוֹן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "דִי וֶוערְטֶער 'עָוֹן מָשׁ' אִיז מַמָשׁ דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן אוּן בְּחִינָה פוּן ר' שִׁמְעוֹן".

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט עֶרְקְלֶערְט, "אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט טוֹעֶה זַיין; וֶוען אִיךְ זָאג דִיר אוֹיף אַ נָאמֶען וָואס דָאס מֵיינְט פַאר דִיר, מֵיינְט עֶס נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אַ צְוֵוייטֶער מִיטְ'ן זֶעלְבְּן נָאמֶען הָאט אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, וַוייל יֶענֶער קֶען זַיין גָאר אַן אַנְדֶערֶע בְּחִינָה", מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז יֶעדֶער הָאט עֶפֶּעס אַ גֶעוִויסֶע בְּחִינָה וָואס אִיז מְרוּמָז אִין זַיין נָאמֶען, יֶעדֶער לוֹיט זַיין זַאךְ, אוּן דֶער רֶבִּי וֵוייסְט דָאס זֵייעֶר גוּט.

דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם ר' שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי חָשׁוּבֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן רֶבִּי'ן.

אוּן עֶטְלִיכֶע יָאר שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט נָאךְ גֶעווֹאוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאט עֶר אַמָאל אוֹיסְגֶעגֶעבְּן גֶעלְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט בַּיי אִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט עֶס צוּ בַּאצָאלְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף אִים אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אוֹיף דֶעם קוּמְט דִיר צוּ פַארְשִׁיקְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דַאן גֶעפִירְט אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעדַארְפְט פָארְן צוּם גֶעגְנְט פוּנֶעם טַייךְ 'דַאן', וָואס אִיז מֶער פוּן הוּנְדֶערְט פַּרְסָאוֹת וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, טִיף אַרַיין אִין רוּסְלַאנְד, וָואס דָארְט גֶעפוּנֶען זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט קַיין אִידְן, נָאר אֶפְשָׁר אֵיינְס פוּן טוֹיזְנְט, וּבִפְרַט אִין יֶענֶע יָארְן.

ר' שִׁמְעוֹן הָאט נָאר גֶעדַארְפְט אַהִינְפָארְן אוֹיף צַייטְוַוייליג, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זֶענֶען מְקוּיָם גֶעוָוארְן אוּן ר' שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר אַסַאךְ יָארְן, אוּן עֶר אִיז דָארְט אַרִיבֶּער גָאר אַסַאךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן מִיט שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי וַוייט אַז אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַרִיבֶּער דָארְט גָאר אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן, אַן עֲרֵלִית אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים צוּגֶערֶעדְט צוּ אַן עֲבֵירָה, עֶר הָאט מַמָשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִיר וַוייל זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶע'עַקְשְׁנְ'ט, הָאט ר' שִׁמְעוֹן דַאן גֶענוּמֶען אַ מֶעסֶער אוּן זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן זַיינֶע לִיפְּן אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גִיסְן אַסַאךְ בְּלוּט פוּן אִים, אוּן דַאן אִיז זִי אַנְטְלָאפְן פוּן אִים.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין זַיין הוֹיז אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט פוּן רֶבִּינְ'ס מוֹיל דִי וֶוערְטֶער, "אוֹי! עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף ר' שִׁמְעוֹן'לֶע", אוּן קֵיינֶער הָאט דֶעמָאלְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט דֶערְמִיט.

פַאר ר' שִׁמְעוֹן אִיז דֶעמָאלְט אַרַיין אִין קָאפּ אַז עֶר דַארְף זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין פוּן דָארְף צוּ דָארְף אוּן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט מִיטְ'ן צִיל אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוֹיף דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעמַאכְט דִי אַלֶע יָארְן.

*פאַרזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# היכל הלכה

## הלכות פון די ספירה טעג

### *חלק ג'*

**א]** די מנהג איז אז א חשובע בגד באנייט מען נישט בימי הספירה און אזוי אויך באנייט מען נישט[01] א חשובע כלי וואס מ'וואלט געזאגט א שהחיינו אויף דעם[02].

צוליב דעם באנייט מען נישט א נייע קאר אין ספירה, דאס גייט נאר אן אויב מ'האט עס געקויפט. אויב די קאר איז נאר געדינגען - געליס"ט, דעמאלט מעג מען עס יא באנייען אין ספירה[03], און אזוי אויך, אויב דארף מען די קאר וויכטיג; למשל מען האט נישט א קאר און מען דארף עס וויכטיג, מעג מען עס באנייען. אויב מען 'וויל' סתם א נייע קאר, זאל מעןווארטן אויף ל"ג בעומר אדער אויף נאך שבועות.

אויב מען דארף עס פאר ביזנעס - לצורך פרנסה, מעג מען זיכער.

**ב]** קויפן אדער זיך אריינציען צו א נייע דירה איז מותר אין די ימי ספירה[04].

**ג]** חתונות: דער מחבר שרייבט (סי' תצ"ג סעי' א') שנהגו שלא לישא אשה - מ'מאכט נישט קיין חתונה אין די ימי הספירה.

תנאים: תנאים מעג מען אפילו אויב מ'מאכט א געהעריגע סעודה, כל שכן אזוי ווי מ'מאכט ביי אונז תנאים/ווארט/לחיים איז זיכער נישט קיין שאלה אז מ'מעג עס מאכן אין די ימי ספירה[05].

סעודת מצוה: אנדערע סעודת מצוה ווי:

### הגהות

01) עי' בספ' ויברך דוד סי' י"ט: וכן בספ' תשובות ופסקים סי' ס"ט, תשובה מרב שרירא גאון: שמחמת אבילות תלמיד ר"ע נוהגין שלא לעשות כסות חדשה מפסח עד שבועות- וכן בשו"ת תורה יקותאל מהדי"ק סי' מ"ח.

02) די מקור אז מען זאגט נישט שהחיינו אין די ימי ספירה: אליה זיטא סי' תצ"ג סק"א בשם רבינו ירוחם ח"א נתיב ה': שאין אומרים זמן בימי הספירה לפי שהם ימי דין: מ'זאגט נישט קיין שהחיינו אין די ימי הספירה ווייל זיי זענען ימי דין.

אזוי אויך אין לקט יושר לתלמיד תרומת הדשן דף צ"ז שרייבט; שלא ללבוש בגדים חדשים בימי העומר- מען טוט נישט אן קיין נייע בגדים אין די ימי עומר. אגב, די לקט יושר שרייבט נישט וועגן שהחיינו, נאר ער שרייבט סתם אז מ'באנייט נישט און די מנהג האט זיך אזוי צוזאם געשטעלט אז א חשובע בגד באנייט מען נישט און בדרך כלל זאגט מען שהחיינו אויף א חשובע בגד. די נפקא מינא כאפט היינטיגע צייטן וואס אסאך פירן זיך אז מ'זאגט נישט שהחיינו סתם אזוי אויף יעדע נייע בגד נאר אויף גאר א חשובע.

די סיבה פארוואס מען זאגט היינטיגע צייטן שהחיינו נאר אויף א גאר חשובע בגד איז ווייל אמאל איז א נייע בגד געווען א יקר המציאות, מען האט עס נאר געקויפט איינמאל אין אפאר יאר וכדומה לזה, משא"כ היינטיגע צייטן קויפט מען אסאך שנעלער, מילא איז די שמחה פון א נייע בגד קלענער. אפילו אויב למעשה מאכט מען נישט קיין שהחיינו, באנייט מען נישט א חשובע בגד אדער א חשובע כלי.

03) פשוט דבשכירות אין בו משום שמחה. עוד מקור לאסור כלים חדשים, בספ' מנהג טוב (מחכמי איטליא) סי' ס"א ומנהג טוב שלא לחנך כסות ושום דבר חדש עכ"ל.

04) ידוע בפי כל דכ"ק מרן הגה"ק מ'סאטמער זצוק"ל בעצמו עשה מעשה, ונסע מארשיווא לקראלי להות אב"ד דק"ק קראלי ואז נכנס לדירה חדשה, וכן הגה"צ ר' שמעון סופר זצ"ל בא לעיר קראקא בימי הספירה, וכן בשו"ת היטב איטיב סי'

סעודת ברית מילה[06], פדיון הבן, בר מצוה, זענען מותר,=. סיום מסכת איז אוודאי מותר, און אזוי אויך איז א סעודת שבע ברכות פאר איינער וואס האט חתונה געהאט אויף ל"ג בעומר און די שבע ברכות איז נאך ל"ג בעומר, אין די ימי ספירה, איז אויך מותר. מען מעג זינגען ביי די סעודות און אפילו טאנצן[07], אבער נישט מיט מוזיק[08].

**ד]** שערן: מ'שערט זיך נישט די האר בימי הספירה[09].

אויב די שנויצן שטערן פון עסן מעג מען עס שערן[10].

די איסור פון זיך שערן גייט אויך אן ביי פרויען און מיידלעך. עי' הערה[11].

מען פירט זיך אז מען שערט נישט קיין קינדער[12].

**ה]** בעצם לויט אונזער מנהג אז אפילו גאנץ ימי ספירה מאכט מען נישט חתונה און מען הערט נישט מוזיק איז עס אבער מותר אויף ל"ג בעומר, וואלט געדארפט זיין די זעלבע הלכה ביים זיך שערן; אז ל"ג בעומר זאל מען זיך מעגן שערן. למעשה פירט מען זיך אזוי ווי דער הייליגע אר"י שרייבט[13], אז מ'שערט זיך נישט אפ ביז ערב שבועות ממש. אבער, קליינע קינדער וואס ווערן 3 יאר אין די ימי ספירה, פירט מען זיך אז מען שערט זיי אפ ל"ג בעומר.

## הגהות

א' מקיל וכן כתבו עוד אחרוני זמנינו, עי' שו"ת ציץ אליעזר (ח"א סי' מ"א) הליכות אבן ישראל הגרי"' פישער,דיני ספה"ע אות ז' אין להעלים דעיין יש אוסרים, בספ' מנהג טוב הנ"ל באות 03 כתבנו הלשון שלו לחנך שום דבר, ולכאו' זה בכלל וכ"כ בילקוט איגרות קודש צאנז ח"ב או רכ"ט בשם הגה"ק מגארליץ זי"ע, וקבלתי שבימי ספירה לו יעקור דירתו ממקום למקום, וכן בשו"ת דברי מרדכי סי' ל'.

05) עי' במשנ"ב (סי' תצ"ג סק"ג) מ"מ מותר לעשות שדוכין ולעשות סעודה, אבל לעשות ריקודין ומחולות נהגו איסור.

06) דבעצם סעודת רשות ג"כ מותר (חק יעקב סק"ד) שו"ע הרב (סעי' א') ערוך השולחן (סעי' ב')

07) מג"א סק"א ומחצית השקל שם, חק יעקב סק"ד א"ר (סק"ב) פרמ"ג א"א סק"א.

08) כן נמנו וגמרו כל פוסקים האחרונים דבכלי זמר אסור אף בסעודת מצוה, ואביא קצת מהם, וא"א לפרטם כי רבים הם: ערוך השולחן סעי' ב', שו"ת אגרות משה ח"א סי' קס"ו, ח"ג סי' פ"ז, שו"ת מנחת יצחק, ח"א סי' קי"א שו"ת קנין תורה, ח"ב סי צ"ט עי' נטג"ב פ' נ"א או"ק ז' דכן הורה הג' ר"ש ואזנער זי"ע.

09) שו"ע סעי' ב'.

10) עפ"י שו"ע סי' תקנ"א סי"ג גבי בין המצרים וכל שכן לגבי ימי ספירה דהוי הדין כן, עי' בקונטרס באר יחזקאל סי' ו' (ימי ספירה) הבדל בין חוה"מ דמותר בכל איזה סיבה שהוא, ובין כאן דרק כשמעכב האכילה עי"ש

11) דלא מצינו הבדל, ולמה נגרע וכן כ' בפירוש בשו"ת רב פעלים ח"ד בקונטרס סוד ישרים עי"ש אבל אשה כל דהוי משום צניעות - או לצורך דהיינו לבעלה מותר. שו"ת אג"מ יו"ד ח"ב סי' קל"ז שו"ת להורות נתן ח"ב סי' ל"ב

ובעצם הנה יש עוד קולא שראיתי באיזה ספר זמנינו וסברא נכונה הוא, היות דאיתא בחז"ל דתספורת לנשים הוי ניוויל וכ"ז דנשי דידו מספרים עצמן משום הזוהר הידוע דיש קללה כשנראה שערות ראשה בחוץ מילא הם הנהיגו בעצמם דרוצים כבר בהתספורת מש"ה קל ביותר באשה דהוי דרכי מעיקרא ודו"ק

12) כן הוא מנהג העולם - עי' בקונטרס באר יחזקאל (ימי ספירה) סי' ב' תספורת: וכן הובא בשו"ת דברי יציב יו"ד ח"ב סי' קל"ג, עי' בספר הלכ' חג בחג פ"ז הע' 58

13) פרי עץ חיים, שער כ"ב פ"ז, הו"ד שו"ת מנחת אלעזר ח"ד סי' מ"ד וסי' ס', נגיד ומצוה עמ' קמ"ב

## שאלה:

ווער האט מחבר געווען די ווערטער פון די באקאנטע ניגון בר יוחאי נמשחת אשריך...?

## תשובה:

דער מחבר האט געהייסן הרב הקדוש המקובל רבי שמעון לביא זי"ע, ער האט מחבר געווען א פירוש אויפן הייליגן זוהר וואס הייסט **כתם פז**[01].

ער איז געבוירן אין מדינת ספרד נאך פאר די גירוש ספרד בערך אין יאר רמ"ה. ווען מען האט פארטריבן אלע אידן פון דארט איז ער אויך אוועק געגאנגען. רוב פון זיינע יארן האט ער געוואוינט אין די שטאט פס וואס איז אין מרוקו.

ווען ער איז געווארן 70 יאר אלט האט ער געפלאנט ארויף צו גיין קיין ארץ ישראל און ער האט טאקע אזוי אנגעהויבן צו טון. דער הייליגע חיד"א אין זיין ספר שם הגדולים אז אויפן וועג קיין ארץ ישראל איז רבי שמעון לביא אנגעקומען צו א שטאט וואס האט געהייסן טריפולי און ער האט געזען א גאנצע שטאט וואס זיי קענען גארנישט קיין לערנען - קענען נישט קיין הלכות, ניטאמאל ברכות און דאווענען האבן זיי געקענט, זיי האבן קוים געוואוסט פון אידישקייט.

האט ער געזאגט צו זיך: **ס'איז מיר בעסער אז איך זאל בלייבן דא און לערנען מיטן אייבערשטנ'ס קינדער תורה ומצוות ווי איידער קוקן אויף מיין אייגענע... ארויף גיין צו ארץ ישראל.** און אזוי האט ער טאקע געטון; ער איז נישט ארויף קיין ארץ ישראל און ער איז געבליבן דארט מרביץ תורה זיין. ער איז געווען דארט פאר מער ווי 30 יאר און איז נפטר געווארן העכער די 100 יאר זי"ע.

## הגהות

01) אין די הקדמה פונעם ספר כתם פז שטייט אז די חיד"א האט געגעבן די נאמען פאר די ספר כתם פז וויל דאס באטרעפט אזוי ווי שמעון לביא ז"ל מיט די כולל, אין די ווארט 'פז' איז ראשי תיבות **פ**ירוש **ז**והר.



# מעשיות פון תפילה

**ברוך נויסבוים** בני ברק

איך האב געדארפט זיין אין עיה"ק ירושלים צוליב א געוויסע סיבה. נאכן ענדיגן די זאך פאר וועלכע איך בין געקומען, האב איך זיך ארומגעקוקט אויפן פלאץ וואו איך געפין מיך, און עס איז מיר אויסגעקומען אז איך בין נישט ווייט פונעם אלטן בית החיים וואס געפינט זיך נעבן דעם אלטן "שערי צדק" שפיטאל. דארטן געפינען זיך די ציונים פון הגה"ק מהרי"ץ דושינסקיא זי"ע און זיין זון הגה"ק מהרי"ם דושינסקיא זכותם יגן עלינו.

מען האט זיי דארטן באגראבן צוליב דעם מלחמה צושטאנד וואס האט געהערשט אין ארץ ישראל אין די יארן פון תש"ח, ווען עס איז נישט געווען מעגליך צו באגראבן אויפן הר הזיתים. צוליב דעם זענען דא עטליכע חלקות אין ירושלים פון גדולי עולם וואס ליגן אינמיטן שטאט, אזוי ווי די רבנים לבית דושינסקיא און א טייל פון די גור'ער אדמורי"ם, ווי אויך די צדיקים וואס ליגן אין דעם סנהדריה בית החיים. עס האט מיר זייער געצויגען צו דאווענעןביי דעם הייליגן מקום קדוש.

אבער היות איך בין נאך קיינמאל פריער נישט געווען אין דעם פלאץ, האב איך נישט געוויסט פונקטליך וואו דער בית החיים געפינט זיך.

איך האב אנגעהויבן זיך ארומצודרייען אין די געגנט פונעם אלטן שערי צדק שפיטאל, פרובירנדיג צו געפינען אן אריינגאנג צום בית החיים, אבער אן ערפאלג. איך האב פרובירט צו פרעגן מענטשן, אבער קיינער האט נישט געוויסט צו זאגן וואו עס איז; מען האט מיר געשיקט צום ציון פון הרה"ק רבי גדליה משה פון זוועהיל זי"ע וואס ליגט אויך נישט ווייט, אבער איך האב געוואלט צוקומען צום ציון פון די צדיקים לבית דושינסקיא, ווייל ווי גרויס די מניעה איז, אלס גרעסער איז דער חשק דארט צו זיין.

איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר ווייזן דעם וועג און איך בין ווייטער געגאנגען. רוב מענטשן אין יענע געגנט זענען געווען פרייע, וועמען איך האב בכלל נישט געקענט פרעגן.

דער זייגער האט זיך אנגעהויבן רוקן, און איך בעט נאך א תפילה און נאך א תפילה. איך בין אביסל ווייטער געגאנגען און אריין ביי א קיאסק, און איך פרעג דעם איד וואס פארקויפט דארט אויב ער ווייסט וואו דער ציון געפינט זיך. זאגט ער מיר: "יא, גיי גראד, וועסטו זען א קליינעם אריינגאנג נעבן א פלאץ וואו מען האלט אינמיטן בויען."

איך בין צוריקגעגאנגען דעם וועג גראד, ביז איך האב באמערקט קליינע אייזערנע טרעפן. איך גיי ארויף און איך זע שכח אייבערשטער, אז לכאורה איז דאס דער פלאץ, אבער עס איז געווען פארשלאסן מיט א קאמבינאציע שלאס. עס איז געווען דארט א קליין צעטל מיט די גימטריא פון די נומערן אויף לשון הקודש. איך פרוביר צו קווטשן אבער עס עפנט זיך נישט; איך פרוביר שטארק און עס רוקט זיך נישט.

האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן. איך האב פרובירט צו קריכן אבער עס איז נישט געווען בכדי שיעשה. איך האב נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן, געדריקט נאכאמאל די נומערן, און פרובירט צו געבן א שטארקע שטופ, און שכח אייבערשטער, ותיסוב הדלת על ציריה, די טיר האט זיך געעפנט.

איך האב געקענט אריינגיין ביז די הייליגע ציונים, ווי אויך צום קבר פונעם ערליכן דאקטער, א גרויסער צדיק, ר' משה וואלאך זכרונו לברכה, און זיך אויסבעטן אלעס גוטס. ברוך השם עס איז געווען דארט א גרויסע התעוררות.

אגב, צומארגנס זאגט מיר איינער אז די יארצייט פון הגה"ק מהרי"ם דושינסקיא פאלט אויס שבת פרה, כ"ב אדר, געציילטע טעג נאך ווען איך בין דארט געווען. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

# אווארט צווייי

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

**• בערל שניצלער**

avorttzvei@bletelmagazine.com

שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו:

## ר׳ ישעי׳ ב״ר משה

ביי מסיבת הכרת הטוב פאר די נדיבי בית התבשיל האט מען אנגעפרעגט דעם ראש ישיבה וואס ער האלט איבער דעם וואס מען געבט היינט צו עסן (קליין געררעדטס) לע״נ רבי ישעי׳לע, אויב עס איז א גוטע זאך אדער נישט?

האט דער ראש ישיבה געזאגט: מען מאכט היינט סייווי פארטיס, מען עסט סייווי, זאל מען כאטש דערמאנען אינמיטן א מעשה פון א צדיק

**– פון די אנוועזנדע**

## הנהגות הבית

"א שטוב פירט זיך נישט לויט וויפיל געלט מען מאכט, מען געבט נישט אויס איבעריגע געלט פאר מותרות אפילו מען האט דאס געלט."

**– דער ראש ישיבה אין א שמועס**

## דערהויבן אדער ביטער

"הלכות כיבוד אב ואם שטייט אין שלחן ערוך יורה דעה סימן ר"מ, וואס דאס ווייסט אז דער וואס איז מקיים די סימן, ער איז מכבד טאטע מאמע איז ר"ם, ער איז דערהויבן, ער האט א גוט לעבן, און חס ושלום פארקערט דער וואס איז נישט מכבד טאטע מאמע איז מ"ר, איז זייער ביטער."

**– דער ראש ישיבה אין א שיעור זומער תשע"ב**

## אמונה און הפקרות

"עס זענען דא מענטשן וואס מישן צאם די צוויי זאכן - אמונה און הפקרות - אין איין שיסל, ער בארגט צאם געלט און סוויי"ט קארטלער, און ווען דו פרעגסט אים וואס איז די מעשה מיט דיר, וואס סווייפסטו קארטלער? הע, דער אייבערשטער וועט שוין העלפן... דו זאלסט מיר מוחל זיין, דאס איז נישט אמונה, דאס איז הפקרות..."

**– אהרן קליטניק אין א שמועס פאר די בארא פארקער מתפללים**

דער ראש ישיבה האט געזאגט:

## דעם רבי'ן אויף דער עלטער

"מען דארף האבן דעם רבי׳ן אויף די עלטערע יארן; עלטערע מענטש רעדן צו מיר ווי שווער עס איז זיי אין די עלטערע יארן, און מיטן רבי׳ן׳ס עצות וואלטן זיי געקענט האבן א שיינע לעבן."

**– אין א שמועס שבת אח"ק אין ליקוטי מוהר"ן שול**

# געדאנקען

## מען לעבט א וואקעישן לייף

א ונזער וועלטעלע וואס דער גרויסער באשעפער האט באשאפן באשטייט פון פינעף קאנטינענטן.

דא ביי אונז אין די היזיגע "האלב וועלטל" געפינט זיך צוויי קאנטינענטן, נארט אמעריקע און סאוט אמעריקע.

למשל, איר נעמט א עפעלע, אינמיטן די עפעלע שטייט דערויף א סטיקער מיט די נאמבער 4106.

די נאמבער מיינט אז ס'איז א "קארטלאנד" עפל.

יעדע פרוכט האט זיך זיין נומער. א בענענע האט א סטיקער מיט די נאמבער 4011, א מעלוינע האט א סטיקער מיט די נאמבער 4031 ווען עס האט יא די קערעלער, און 4032 ווען עס האט נישט די קערעלער.

א באטערנאט סקוואש האט א סטיקער מיט די נאמבער 4759.

א קאפ סעלערי איז די נאמבער 4585.

די נומערן איז צושטאנד געקומען דורך די "אינטערנעשענעל פעדערעישן פאר פראודוס סטענדערדס" דאס איז אזא מין קאנגרעס פון גרויסע סוחרים פון פירות און ירקות וואס געבן פארשידענע עצות און הדרכות פאר די אינדוסטריע אז מען זאל זיך האלטן צו געמיינזאמע פראקטיציטעטן וואס איז א טובה פאר כלל סוחרי פירות וירקות.

אויב וואלט איר גענומען אן "ארגאניק" קארטלאנד עפל, וואלט עס געהאט די נומער 9 בעפאר, עס וואלט געהאט די נאמבער 94106.

יעדעס מאל וואס א פרוכט אדער וועדזשטעבל האט א 9 ביים אנהייב אלץ א פינפטער נאמבער, מיינט דאס אז ס'איז ארגאניק.

אויב וואלט איר גענומען אן "ארגאניק" בענענע, וואלט עס געהאט די נומער 9 בעפאר, עס וואלט געהאט די נאמבער 94011.

אויב וואלט איר גענומען אן "ארגאניק" קאפ סעלערי, וואלט עס געהאט די נומער 9 בעפאר, עס וואלט געהאט די נאמבער 94585.

יעצט נעמט אהער אייער עפעלע, צושניידט דאס אין האלב, אויף אן אופן אז איר זאלט קענען אראפלייגןביידע האלבע אויפ'ן טיש, עס זאל ליגן ווי א כיפה, (ווי א קבר רחל דאך, אדער ווי א יארמולקע וואס מען טראגט אויפ'ן קאפ) און די נאמבער סטיקער זאל זיין פונקט אינדערמיט (אזוי ווי עס פלעגט אמאל זיין א קנעפל אינמיטן פון די יארמולקע).

יעצט לאמיר זיך מדמה זיין אין אונזער דמיון אז די צוויי האלבע עפעלעך איז די צוויי "האלבע וועלטן", יעצט לאמיר זיך מדמה זיין אין אונזער דמיון אז דארט וואו די סטיקער איז, דארט איז די שטאט קרית ברסלב (דאס איז פון די גרעסטע שטעט אין די וועלט, אויב מען קוקט לויט די פרקים משניות).

יעצט אז איר האט שוין א סטארטינג פוינט אויף די מאפע, קענען מיר גיין ווייטער.

אונזער היזיגע האלבע וועלטל האמיר

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

שוין פריער געזאגט אז עס פארמאגט די צוויי קאנטינענטן, נארט אמעריקע און סאוט אמעריקע.

די אנדערע האלבע עפעלע האט אויף זיך די דריי גרויסע קאנטינענטן אייראפע אפריקע און אזיע.

אייראפע און אפריקע איז איינס העכער'ן אנדערן, אייראפע אויבן און אפריקע אונטן, און אז איר גייט אריין צווישן די צוויי, און איר פארט אביסל ווייטער, וועט איר אנקומען צו די קאנטינענט הנקרא אזיע.

אזוי ווי איר נעמט אזוי ווי א "סגול" און איר דרייט עס 90 דעגריס קאונטער-קלאקוויז, וועט איר האבן אויף די לינקע זייט אזוי ווי א "שוא" מיט נאך איין פינטעלע אויף די רעכטע זייט פון די שוא, די צוויי פינטעלעך אזוי ווי "שוא" איז אייראפע אויבן און אפריקע אונטן, די רעכטע פינטעלע איז אזיע.

אויף די רעכטע פינטעלע וואס איז אזיע, איז פארהאן אונטן א לאנד הנקרא אינדאנעזיע, דארט איז פארהאן די גרעסטע גאלד מינע אין די וועלט.

דאס איז די "גראסבערג מינע".

די גראסבערג מינע האט ארויסגעגעבן אין 2023 א למספרם קיימא לן פון צוויי מיליאן אנצעס גאלד.

דאס מיינט אז אין יענעם יאר האט די גראסבערג מינע ארויסגעגעבן 4 ביליאן טאלער אין גאלד.

די גראסבערג מינע איז די אייגנטומערשאפט פון פריפארט מעקמאראן. אויף די NYSE סטאק מארקעט הייסן זיי FCX.

אבער דאס איז א שותפות מיט די אינדאנעזיע רעגירונג, 51 פערצענט פון די גראסבערג מינע באלאנגט פאר די אינדאנעזיע רעגירונג, און 49 פערצענט באלאנגט פאר פריפארט מעקמאראן (FREEPORT-MCMORAN).

די פריפארט מעקמאראן קאמפאני (FCX) מאכט א יאר 25 ביליאן טאלער ביזנעס.

די פראפיט א יאר איז 2 ביליאן.

דאס איז די זעלבע פראפיט RATIO ווי איינער וואס דרייט ארום 2.5 מיליאן א יאר און גייט אהיים מיט צוויי מאות.

איך פארשטיי נישט פארוואס מען דארף טראגן 2.5 מיליאן קאפ ווייטאג פאר 4000 א וואך ווען מען קען גיין אהיים מיט צוויי טויזנט א וואך אן א טראפקעלע קאפ ווייטאג.

אפשר בין איך נישט אין די געלט CULT, זייט מיר מוחל פאר אהיים גיין פינעווע נאכמיטאג אן קיין פרעשור, מען לעבט א וואקעישן לייף פון פינעווע נאכמיטאג ביז מארגן ניינע צופרי.

אינמיטן די וואקעישן דאוונט מען מנחה, מען עסט נאכטמאל מיט די ווייב און קינדער, מען דערציילט פאר די קינדער א מעשה ביים זיי אריינלייגן אין די וואקעישן בעטעלע, מען עפנט די וואקעישן משניות און מען זאגט עטליכע פרקים משניות,



# געדאנקען

דערנאך עפנט מען די וואקעישן גמרא, דערנאך זאגט מען פאר די ווייב אז עס שטייט שוין גרייט די וואקאציע קאר מיט א וואקאציע דרייווער (איר טייערע מאן, וועמענס שמוציגע זאקן זי האט היינט געוואשן) אין פאל זי וויל אפשר גיין קויפן וואקאציע פאפקארן.

יעצט אז מיר האבן אייך שוין דערציילט וועגן די גרעסטע גאלד מינע אין די וועלט, וועלן מיר אייך דערציילן וועגן די גרעסטע קופפער מינע אין די וועלט.

די דריי קאנטינענטן אין די אנדערע האלבע וועלט זענען דאך אזוי ווי דריי פינטעלער, אזיע אפריקע און אייראפע.

אויף די רעכטע פינטעלע וואס איז אזיע, איז פארהאן אונטן א לאנד הנקרא אינדאנעזיע, דארט איז פארהאן די גרעסטע קופפער מינע אין די וועלט.

דאס איז די "גראסבערג מינע".

די גראסבערג מינע האט ארויסגעגעבן אין 2023 למספרם א קיימא לן פון צוויי ביליאן פונט קופפער.

דאס מיינט אז אין יענעם יאר האט די גראסבערג מינע ארויסגעגעבן 10 ביליאן טאלער אין קופפער.

יא איר ליינט גוט.

די זעלבע מינע וואס איז די גרעסטע אין די וועלט אין גאלד פראדוקציע איז אויך די גרעסטע אין די וועלט אין קופפער פראדוקציע. די גאנצע ריזיגע מינע דארט באשטייט פון א מישמאש פון קופפער און גאלד און נאך פארשידענע געמויזאכצן צוניפגעמישט.

וואס מיינט דאס?

דאס מיינט אז מען קען נישט זאגן איך ארבעט נאר פאר גאלד, אבער נישט פאר קופער.

אז מען ארבעט פאר קופער האט מען אויך גאלד.

מען קען נישט זאגן איך נעם נאר א דזשאב פאר 4000 א וואך, און אז נישט גיי איך נישט ארבעטן.

מען נעמט א דזשאב צו טון די רצון השם, דערנאך וועט דיין פרנסה ווערן ברייטער און גרינגער.

מען קען נישט זאגן איך לערן נאר מיט א חברותא, און אז נישט גיי איך נישט לערנען.

מען לערנט תורה יעדן טאג און אין יעדן מצב, און ווען מען האט א חברותא האט מען א חברותא.

אז מען גראבט ארויס פון דער ערד טויזנט אנצעס קופער, האט מען אין די האנט א אונץ גאלד.

אז מען זאגט טויזנט דפים גמרא וועסטו גוט פארשטיין מינימום איין דף.

טויזנט דפים נעמט הונדערט שעה.

אזוי ווי הונדערט טעג קוקן סטעטוס איין שעה.

און אזוי ווי פופציג טעג קוקן סטעטוס איין שעה און נאכגיין די נייעס איין שעה.

און אזוי ווי דרייסיג טעג קוקן סטעטוס איין שעה און נאכגיין די נייעס איין שעה און הערן איין שעה די פאדקעסטער נאכזאגן וואס ער האט געהערט נעכטן פון א נישט איד וואס עסט עלעפאנט פלייש מיט דבר אחר.

שכח אייבערשטער פאר דער ראש ישיבה וואס דערמאנט אונז יעדן טאג נישט צו הערן קיין עלעפאנט פלייש פאדקעסטער.



# בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו און ווער איז אינעם בילד:



קרעדיט: ארכיוון (אייזיק ראטה)

## בילד פון פאריגע וואך:

**ביי די ליקוי חמה אין לעפקאוויטש קעמפ.**

פון רעכטס אויף לינקס: יצחק רוטנער, שרגא שטראססער, שמעי ענדצווייג, נפתלי הערש פארקאש, הערשל בוים, יעקב איידליס, נתנאל פארקש, יחזקאל שארף.



ישראל דוד העסקעל




# קרית ברסלב




# היסטארישע ערשטע שבת ביים נייעם געגענט אין ליבערטי

# אריינפיר

**שטייענדיג אין די שאטן פון דעם דערהויבענעם שבת וואס איז געפראוועט געווארן דורך דעם ראש ישיבה שליט"א אין די נייע געגנט אין קרית ברסלב ליבערטי.**

**זעצן מיר זיך אראפ מיט דעם שטעטל גבאי מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, וואס האט זוכה געווען מיטצוהאלטן דעם שבת און הערן פון אים ערשטהאנטיג וויאזוי עס איז אריבער דער ערשטער שבת וואס דער ראש ישיבה האט פארברענגט מיט די משפחות אנשי שלומינו אין די נייע געגנט.**

**שלום עליכם ר' אברהם הערש. יעדער האט מיטגעהאלטן די גרויסע נייעס אז דער ראש ישיבה פלאנט צו זיין אויף שבת קודש פרשת אחרי-קדושים אין די נייע געגנט אין קרית ברסלב. למעשה דו האסט זוכה געווען צו קענען זיין דארט אויף שבת און מיטצוהאלטן דעם שבת פערזענליך; לאמיר קודם הערן פון דיר, וואו ביסטו איינגעשטאנען דארט אויף שבת?**

יא, שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו קענען מיטהאלטן דעם געהויבענעם שבת בצל דעם ראש ישיבה שליט"א, דעם ערשטן שבת וואס איז געפראוועט געווארן דורך דעם ראש ישיבה אין דעם נייעם געגנט. עס איז ב"ה געווען א זייער שיינער און דערהויבענער שבת אין אלע הינזיכטן.

איך בין איינגעשטאנען אינעם בנין וואו עס איז די אפיסעס פון "פעסט בילד"! אין איין גרויסן צימער האבן מיר אויסגעלייגט די בעטן פאר אלע קינדער, אין איינע פון די פריוואטע אפיסעס איז געווארן די עלטערן'ס צימער. דער קאנפערענץ צימער איז געווארן די דיינינג רום; אזוי האבן מיר זיך מסדר געווען אין דעם אפיס.

די קינדער האבן געמאכט א לעבן; אזוי גייט עס, קינדער גלייכן א טויש. פאר מיר פערזענליך איז עס גראדע נישט אנגעקומען אזוי לייכט, אבער מיין ווייב האט מיך זייער צוגעשטופט אז מיר זאלן דאס טון. ס'איז נאר דא איינמאל אן "ערשטע שבת", און מיר האבן דאס בשום אופן נישט געוואלט פארפאסן!

### איז געווען א גרויסער עולם געסט וואס זענען געקומען מיטצוהאלטן דעם שבת?

איך ווייס נישט וואס מיינט א "גרויסער עולם"... עס זענען געווען א שיינע פאר משפחות וואס זענען אהינגעקומען אויף שבת. אזוי אויך זענען געווען עטליכע מענטשן וואס זענען געקומען שבת צופרי צופוס, און אפילו ביי שלש סעודות אין דעם רעגן זענען אויך געווען מענטשן וואס זענען געקומען צו









גיין דעם גאנצן וועג!

שבת אין אפיס האבן מיר געשמועסט, אז לכאורה איז יעצט דאס ערשטע מאל וואס א איד געפינט זיך דא שבת און רעכט אפ א שבת'דיגע סעודה אויף דעם פלאץ. הגם דער בנין פונעם אפיס איז פאר יארן געווען די הויפטקווארטיר פון די פייער דעפארטמענט פון ליבערטי, און עס קען אפשר זיין אז יארן צוריק זענען געווען אידן אין די פייער דעפארטמענט, און אפשר איז אמאל געווען שבת אן עמערדזשענסי פון פיקוח נפש וואס האט געברענגט א איד אהער שבת – אבער צו פראווען א שבת, עסן די סעודות און זינגען די שבת'דיגע זמירות, איז יעצט לכאורה דאס ערשטע מאל! (אויפן בילד זעט מען דעם בנין אמאל אלס א פייער בנין און היינט אלס אן אפיס).

## קבלת שבת

איך האב געטראכט צו פארן אין שול מיט'ן קאר, אבער איך מחליט געווען אז ניין - לאמיר האבן דעם פולן עקספעריענס פון שפאצירן אויף די גאסן פון שטעטל, האב איך מיך טאקע ארויסגעלאזט מיט מיינע קינדער צו פיס.

איינס פון די שוועריקייטן אין דעם נייעם געגנט איז טאקע דאס וואס עס איז דערוויילע נאך נישט דא קיין עירוב; היות מיר זענען צוגעווינט צו אן עירוב, איז דאס נישט האבן אן עירוב געווען אביסל שווער, מ'האט כסדר געדארפט האלטן קאפ נישט צו טראגן.

די וועג פון אפיס ביז'ן בית המדרש ליקוטי מוהר"ן נעמט בערך פיר-פינף מינוט. ביים זמן זענען מיר אריינגעגאנגען אין שול, און דער ראש ישיבה איז שוין געווען דארט אויף זיין פלאץ און געזאגט שיר השירים. איך בין צוגעגאנגען זאגן "גוט שבת", און דער ראש ישיבה האט מיך אנגעקוקט מיט א בליק ווי איינער זאגט אז ער האט מיך נישט ערווארטעט צו זען... איך בין געווענליך נישט פון די מענטשן וואס לויפן נאך דארט וואו דער ראש ישיבה גייט, אבער דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט מיך צו זען, ב"ה.

מ'האט זיך געשטעלט דאווענען טאקע אין דעם גרויסן שול וואס איז געבויט געווארן מיט יארן צוריק אין די תש"כ יארן דורך אידן וואס האבן זיך מוסר נפש געווען אויף שמירת שבת. ליידער האבן זיי נישט אינוועסטירט אין די קינדער, אזש פונעם נעקסטן דור און א דור שפעטער זענען שוין ליידער כמעט נישט געבליבן קיין אידן שומרי תורה ומצוות.

דא טאקע אויף דעם פלאץ האט מען פון פריש מייסד געווען די שיינע ברסלב'ער קהילה, וואו מיר האפן צו פארריכטן דעם טעות; ווי אלע ווייסן לייגט דער ראש ישיבה דעם גרעסטן דגוש אויף חינוך הבנים והבנות. אין א שמועס מיטן ראש ישיבה שליט"א אינמיטן שבת האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדרוקט אז ווען ער קומט אריין אין דעם בנין קומט אים ארויף אין געדאנק צוויי זאכן, איינס אז דא איז געווען אידן בעלי מסירות נפש וואס זענען דא געקומען וואוינען אלץ כדי צו היטן שבת, אבער ליידער האבן זיי זיך נישט אפגעגעבן מיט די קינדער.

צווייטנס דערמאנט ער זיך שטענדיג פון די נס אז מען האט געקענט אפקויפן דעם בנין פאר גאר א ביליגע פרייז, דאס איז געווען אנפאנג ווען מען האט געבויעט די שטעטל האט מען א לאנגע צייט געזוכט א פלאץ פאר די חדר און סקול, אסאך תפילות האט מען געמאכט דערויף, מ'האט פרובירט אריינצוגעבן א פערמיט צו קענען האבן א חדר, אבער מ'האט געזען אז מ'וועט נישט אנקומען אין ערגעץ מיט זיי, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ס'איז אפירגעקומען די געדאנק צו קויפן דעם בנין, און נאכדערצו פאר גאר א ביליגע פרייז, איז דאס ממש א מורא'דיגע נס.

אויך דארף ווערן ארויסגעברענגט אז די גבאים און תושבים האבן הערליך שיין אויפגענומען אלע געסט וואס זענען געקומען מיטהאלטן דעם שיינעם שבת, אלע האבן זיך געשפירט זייער באקוועם.

דער גבאי האט מיך צוגעשיקט צו מנחה ערב שבת. הגם איך האב געוואלט זיצן אינטן און מיטהאלטן א שבת אין דעם געגנט, אבער אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס אז אויב א גבאי שיקט צו גייט מען, בין איך צוגעגאנגען צו מנחה.

דערנאך איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צו קבלת שבת. איינער האט זיך טאקע אנגערופן נאכן דאווענען אז ס'שפירט זיך ממש ווי אין "האשקי" - אברהם הערש דאווענט מנחה און דער ראש ישיבה שליט"א קבלת שבת...

נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז בשעת'ן דאווענען פארן עמוד האט ער זיך דערמאנט פון די מעשה ווען ער האט אמאל געדאווענט פארן עמוד ביי מוהרא"ש זי"ע אין בארא פארק.

די מעשה איז געווען אין די צייט ווען עס איז ליידער געווען אסאך לשון הרע אויף די ישיבה, איינער איז דעמאלט געקומען זאגן פארן ראש ישיבה אז ס'איז דא אזא זאך אז א צדיק קען צומאל אויך מקבל זיין לשון הרע, במילא האט ער געראטן אז דער ראש ישיבה זאל שרייבן א בריוו פאר מוהרא"ש אז די אלע מעשיות וואס מען זאגט איז נישט אמת וכו'. יענע צייט האט מוהרא"ש געשריבן די ערשטע אידישע בריוו וואס האט זיך אנגעהויבן אזוי: "צו אלע תלמידי היכל הקודש און צו אלע וואס פאררופן זיך תלמידי היכל הקודש". דער ראש ישיבה האט געטראכט צו זיך אז לכאורה די ווערטער "און צו אלע וואס פאררופן זיך תלמידי היכל הקודש" איז געצילט צו אים...

למעשה האט זיך דער ראש ישיבה צוגעהערט צו יענעם און טאקע געשריבן א בריוו פאר מוהרא"ש. יענעם שבת איז דער ראש ישיבה געקומען קיין בארא פארק צו זיין אויף שבת ביי מוהרא"ש, און ערב שבת האט ער איבערגעגעבן דעם בריוו, מוהרא"ש איז שוין געזיצן מיט די בגדי שבת מיט א געוואלדיגע רואיגקייט, ער האט שוין נישט געהאט די דאגות פון יבנאל, ווייל דארט איז שוין געווען שבת. שפעטער ביי קבלת שבת האט מוהרא"ש צוגעשיקט דעם ראש ישיבה שליט"א צום עמוד.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער האט געהאט אזא

פחד דארט ביים עמוד, אז א גאנץ דאווענען האט ער זיך נישט געקענט אויסדרייען צו קוקן וואו מוהרא"ש האלט; נאר יעדעס מאל ווען דער עולם איז שטיל געווארן, האט ער אויסגעלאזט דעם שטיקל.

נאכן דאווענען איז הרה"צ רבי יצחק לעזער שליט"א צוגעקומען צום ראש ישיבה און אים געפרעגט צי ער האט מיטגעהאלטן וואס דא איז פארגעקומען. האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז נישט.

רבי יצחק שליט"א האט דערציילט פארן ראש ישיבה, אז אינמיטן קבלת שבת האט אים מוהרא"ש צוגערופן. דאס איז געווען זייער אומגעוועהנליך ווייל מוהרא"ש פלעגט קיינמאל נישט רעדן אינמיטן דאווענען. מוהרא"ש האט אים געפרעגט: "פארוואס איז דער ראש ישיבה אזוי צובראכן? פארוואס טראכט דער ראש ישיבה אז איך האב אים געמיינט מיט די בריוו? ס'איז דאך גאר פארקערט, איך האב דאס געשריבן קעגן די בעלי לשון הרע, איך האב גאר געוואלט מחזק זיין דעם ראש ישיבה."

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז שפעטער האט אים איינער געזאגט, אז ווען מוהרא"ש איז אהיימגעקומען נאכן דאווענען, האט ער געזאגט פאר די רביצין אז דער ראש ישיבה האט אזוי שיין געדאווענט, ס'איז א שאד זי איז נישט געווען אין שול מיטצוהאלטן אזא שיינע דאווענען, מארגן ביי שחרית זאלסטו קומען הערן זיין דאווענען.

נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אז היות ס'איז נישט דא קיין עירוב מעג מען נישט טראגן, און מען דארף זען נישט צו טראגן די האנט-זייגערס.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען האפט שוין אט-אט צו באקומען די נויטיגע פאפירן, כדי צו קענען מיטן אייבערשטנ'ס הילף פארענדיגן דעם עירוב. איינמאל מען וועט האבן די נויטיגע פערמיטן, דארף עס נישט נעמען מער ווי צוויי וואכן אהערצושטעלן דעם עירוב בס"ד.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די סיבה פארוואס מען האט ביז יעצט נישט געמאכט קיין עירוב איז ווייל מ'האט נישט געוואלט אז די פרייזן זאלן ארויפגיין; אבער יעצט, אז עס וואוינען שוין אזא גרויסע צאל משפחות אין די נייע געגנט, קען מען זיי נישט צעדריקן און לאזן אן א עירוב.

נאכ'ן דאווענען איז דער ראש ישיבה אהיימגעגאנגען צו זיין אכסניא - די הויז נעבן דעם חדר וואס איז געווען גענוצט פאר די בעיביסיטינג ביז יעצט - און יעצט אויף שבת האט מען עס שיין אויסגערישט פאר'ן ראש ישיבה עס זאל זיין געשמאק און באקוועם, איך בין אהיימגעגאנגען צום אפיס בנין צו פראווען א שיינע סעודה.

צום באטע בין איך נישט געגאנגען מיט'ן חשבון אז איך וויל קענען אויפשטיין פרי און זיין ביים זוהר שיעור. עס קען זיין אז עס זענען דא מענטשן וואס קענען באווייזן ביידע, אבער ביי מיר איז עס אדער אדער...

## צפרא דשבתא

שבת צופרי בין איך ב"ה אויפגעשטאנען פרי און איך בין אנגעקומען אינמיטן דעם זוהר שיעור. דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט און געזאגט די ווערטער פון הייליגן זוהר, און אינמיטן געטייטשט דא דארט געוויסע שטיקלעך. דער ראש ישיבה האט שפעטער געזאגט אז אויב מען לערנט אויף דעם וועג, קען מען זייער גרינג ענדיגן דעם זוהר יעדעס יאר, ווינטער קען מען עס לערנען פרייטאג צונאכטס און זומער שבת נאכמיטאג!

דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט דעם שטיקל וואו דער זוהר הקדוש זאגט אז נח איז געווען א "רעיא שטיא ער ווערט אנגערופן א שוטה ווייל ווען ער איז ארויס פון די תיבה און געזען אז די וועלט איז חרוב ונחרב ס'איז גארנישט געבליבן, האט ער אנגעהויבן צו וויינען. האט דער אייבערשטער אים געפרעגט: "יעצט וויינסטו? דו וואלסט ווען געדארפט וויינען פארן מבול!"

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מיר דארפן דאס נעמען פאר



אונז; מיר דארפן גיין הפצה און אריינברענגען דעם אייבערשטן ביי יעדן איד, כדי שפעטער זאלן מיר נישט דארפן וויינען.

אונזער חבר, יודי פריינד, האט נאך פאר שבת אינזין געהאט מיטצוברענגען "סידור עת רצון", וואס דער ראש ישיבה לערנט געווענליך פאר פארן דאווענען. מען האט געעפנט דעם סידור דארט וואו דער ראש ישיבה האלט, אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט אז קודם זאל איינער עפעס זאגן, פארציילן.

עס האט זיך אנטוויקלט א גאנצע שמועס וועגן א בריוו וואס איז געווען געדרוקט אין "עצתו אמונה", וואו דער ראש ישיבה שרייבט פאר א מחנכת אין בית פיגא סקול וואס פרעגט וויאזוי מ'ענטפערט פאר א תלמידה וואס האט א שאלה אז ווער זאגט דא איז די ריכטיגע פלאץ צו זיין, איך זע מיינע קרובים אין אנדערע פלעצער וואס האבן א גוט לעבן וכדומה.

האט דער ראש ישיבה געשריבן אינעם בריוו אז מען מוז מחנך זיין מיט אמת, מען קען נישט זאגן פאר קינדער אז "נאר מיר" זענען ערליכע אידן און "נאר מיר" האבן א גוט לעבן, ווייל עס געפינען זיך ביי אנדערע קהילות אויך טייערע, וואוילע און ערליכע אידן, נאר מ'דארף מחנך זיין אז וואו אימער דו ביסט, וואו דו פלאנסט נאר צו גיין זאלסטו זוכן און טרעפן א צדיק וואס וועט דיך העלפן זיין אן ערליכער איד.

האט זיך אנגעהויבן א שמועס פארוואס מען טאר טאקע נישט זאגן פאר קינדער אז נאר דא איז דער אמת און נאר דא איז א גוט פלאץ צו זיין.

האט דער ראש ישיבה מסביר געווען: וואס איז אמת? אמת איז דער אייבערשטער! איז אויב זענען דא אנדערע פלעצער וואו מ'רעדט אויך פונעם אייבערשטן, איז דארט אויך דער אמת, וואו מ'רעדט פונעם אייבערשטן איז די אמת'ע פלאץ.

האט זיך איינער אנגערופן אז דא אין היכל הקודש לערנט מען דאך למעשה אויס עצות אין לעבן וואס מ'לערנט נישט אין ערגעץ אנדערש, טא פארוואס זאל מען נישט זאגן פאר די קינדער אז מ'זאל בלייבן נאר דא און נאר דא איז דער אמת?

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז נישט די וועג וויאזוי מ'איז מחנך אז נאר די איז אמת. דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט די שיינקייט וואס מען קען זען אנדערע שיינע קהילות וואס ס'זענען דא דארט אססאך ערליכע אידן. דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ווען ער איז אנגעקומען צו מוהרא"ש, איז איינע פון די שיינע זאכן וואס האבן אים געצויגן געווען דאס וואס ביי מוהרא"ש איז שטענדיג געווען אזא מצב אז קיינער מוז נישט דא בלייבן... טאקע דאס אליין האט געצויגן צו בלייבן דא, אנדערש ווי ביי אנדערע וואס דאס איז גאר געווען זייער מניעה.

אז מ'האט גערעדט וועגן די חינוך פון די תלמידות האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער וויל זייער שטארק נישט מאכן קיין קעמפ פאר די מיידלעך, נאר מ'זאל ענדערש אהיימגיין יעדן טאג און העלפן די מאמע, זיך אויסלערנען פירן א שטוב.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז יכול להיות אז די פירודים וואס איז היינט דא ביי יונגע פארפעלקער איז וועגן די קעמפס, אין קעמפ גייט אראפ די גאנצע עול וואס א קינד דארף באקומען אין לעבן פאר נאך די חתונה, אלעס שטעלט מען זיי צו, און זיי דארפן נאר טאנצן און שפרינגען א גאנצן טאג. א בחור וואס גייט אין קעמפ איז אנדערש ווייל ער לערנט תורה, אבער מיידלעך האבן דאס נישט, במילא איז קעמפ זייער נישט גוט פאר זיי.

### שחרית

דער ראש ישיבה איז צוגעגאנגען צו שחרית פארן עמוד און געזונגען א פרישן ניגון אויף "ממקומך" וואס האט אריינגעברענגט א



פרישקייט. דערנאך האט דער ראש ישיבה געליינט די תורה, וואס איז געווען מיט א ברען און א פייער, בפרט ביי די פסוקים פון קדושים. דער ראש ישיבה האט געמאכט א "מי שברך" פאר די וואס האבן געקויפט די עליה פאר אים, און עס איז געווען צו באוואונדערן ווי ער האט אויסענווייניג אויסגערעכנט אלע נעמען פון יענעמס קינדער! דערנאך האט דער ראש ישיבה געדאווענט מוסף פארן עמוד, וואס איז געווען א שטיקל חידוש.

עס דארף ווערן דערמאנט לטוב דאס וואס א חשובער תושב מו"ה יצחק אפפעלבוים הי"ו האט איינגעפירט א גאנצע סיסטעם פאר די קינדער מיט טיקעטס און פרייזעס, ער האט געמאכט אזאלכע דאללערס מיט א בילד פון א קינד, אזוי אויך א בילד פון די חדר בנין, אזוי האבן די קינדער שיין געדאווענט; אזוי אויך ביי שלש סעודות האט ער געמאכט א פראגראם פאר די קינדער. פון דעם קען זיך יעדער לערנען אז מען דארף נישטווארטן ביז מען ווערט מכובד צו העלפן, נאר מען דארף טון צו דער זאך!

### סיפורי מעשיות

אזוי ווי עס זענען נישט געווען דארט גענוג סיפורי מעשיות פאר אלעמען, האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט אויסנווייניג די מעשה פונעם בעל תפילה. ער האט מסביר געווען אז דארט זענען געווען די אלע כתות, יעדער מיט זייערע משוגעת'ן און שלעכטע געוואוינהייטן,



און דער איינציגסטער וועג ארויס פון דעם איז נאר דורך תפילה! במילא מוזן מיר טאקע זען צו פאלגן די עצה פונעם הייליגן רבי'ן און זיך קובע זיין יעדן טאג א צייט צו שמועסן מיטן אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אין וויליאמסבורג קען ער שוין נישט זיין שבת דורכאויס דעם זומער, וויבאלד די גאס איז אזוי שמוציג און ער דארף גיין איבער א מייל פון זיין הויז צום בית המדרש, וועגן דעם האט ער שוין ארויפגעברענגט אלע זיינע שבת'דיגע זאכן אין שטעטל, ווייל ער האפט שוין צו זיין דא אויף אלע שבתים ביז די זומער וואכן.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די שלעכטע מידה פון כעס, און וויאזוי מ'פארלירט אלעס אויב מ'ווערט אין כעס. שטעל דיך פאר, א איד איז געפארן צו רבי ישעיה'לע קיין קערעסטיר און טאקע אויסגע'פועלט א ישועה, אבער אויב ער רעגט






זיך נאכדעם אויף און ווערט אין כעס, קען ער פארלירן זיין גאנצע ישועה. די איינציגסטע עצה ארויסצוגיין פון די שלעכטע מדה איז נאר דורך תפילה!

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווען מען קומט אריין אין דעם בנין זעט מען וואס ס'פאסירט אויב מ'איז נישט מחנך די קינדער און מ'לאזט זיי הפקר. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינמאל שבת נאכמיטאג ביי די סעודה ווען ער איז געזיצן אין זיין שטוב אויף האשקי, איז אדורכגעגאנגען א מענטש אן א קאפל, און דער ראש ישיבה האט געזאגט מ'זאל אים אריינרופן ווייל מן הסתם איז ער א איד, רוב מענטשן דא זענען דאך אפשטאמיגע פון אידן, קודם האט ער נישט געוואלט אריינקומען ווייל ער האט נישט קיין קאפל, האט מען אים פארשאפט א קאפל, און ער איז אריינגעקומען. מ'האט אים מכבד געווען מיט א טעלער טשולענט.

ער האט פארציילט ביי די סעודה אז זיין זיידע איז אהערגעקומען דא וואוינען, ער איז געווען א פרומער איד, זיין טאטע איז שוין נישט געווען אזוי פרום, און ער פלעגט שוין פארן מיט די קאר אין שול שבת קודש ליידער.

האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט אז מ'דארף זען צו מחנך זיין די קינדער, און זיי אויסלערנען יעדע זאך, אזוי וועט זיך האלטן אידישע דורות.

### שיעור אין זוהר הקדוש

שבת נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה נאכאמאל פארגעלערנט זוהר, און מ'האט ווייטער גערעדט פונעם אויבנדערמאנטן בריוו. אזוי ווי איך בין אריינגעקומען, זאגט מיר דער ראש ישיבה: "זעסט, מ'רעדט נאך אלס פונעם זעלבן נושא..."

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון מו"ה יודל דעפריס הי"ו, וועלכער האט געהאט אן אייניקל פרייטאג צונאכטס, וואו מ'גייט מאכן די ברית. האט ער געענטפערט: "לכאורה ביים ראש ישיבה!" האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז עס איז א שאד אז אנשי שלומינו מאכן נישט זייערע שמחות ביי די פלאץ פון די חסידות'ן פון וואו זיי קומען, ווייל ווען יא, וואלטן זיי נישט אזוי געקריגט אויף ברסלב.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינער פון אנשי שלומינו האט געמאכט א ברית דעם פארלאפענעם פסח, און יענער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה וואו ער זאל מאכן די ברית. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט, אז היות זיין טאטע דאווענט אין סאטמאר, זאל ער דארט מאכן די ברית. דער אינגערמאן האט טאקע אזוי געטון, און עס איז געווען א געוואלדיגע הפצה!

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך דארף נישט קיין כיבודים!" האט איינער געזאגט פארן ראש ישיבה אז מענטשן ווילן געבן כיבודים פאר זייער רבי'ן... האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אפשר אין אנדערע פלעצער איז דאס די גאנצע שייכות פונעם חסיד מיטן רבי'ן, אז מען מכבד דעם רבי'ן מיט סנדקאות און סידור קידושין, אבער דא איז נישט דאס דער קשר!"

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די קשר ביי מוהרא"ש איז נישט געווען זיין נעבן מוהרא"ש, ווען מען פלעגט קומען צו מוהרא"ש אינמיטן די וואך האט ער דיר אזוי אנגעקוקט ווי צו זאגן "פארוואס ביזטו געקומען דא", אינמיטן די וואך האט מען נישט געקענט אריינגיין צו מוהרא"ש, די טיר איז געווען פארשלאסן, איז



וואס איז יא אונזער קשר מיט מוהרא"ש? אז מען פאלגט די עצות וואס ער זאגט. איך פלעג זאגן אסאך משניות, דאס איז געווען מיין קשר. דער ראש ישיבה האט זיך אינמיטן אנגערופן אז ער זעט א גאנצן צייט מוהרא"ש פאר די אויגן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ס'איז אמאל געווען א ברית ביי מוהרא"ש און דער בעל שמחה איז איבערגעגאנגען מיט מוהרא"ש וועמען צו מכבד זיין מיט די כיבודים. האט יענער געפרעגט מוהרא"ש: "וועלכע כיבוד קען איך געבן פארן ראש ישיבה?" האט מוהרא"ש געזאגט אז דער ראש ישיבה דארף נישט קיין כיבודים... דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט דאס צו הערן.

### שלש סעודות

ביי שלש סעודות איז מען געזעסן צוזאמען ארום דעם טיש אויף א מער קלענערן פארנעם, און עס איז געווען א גאר געשמאקע אטמאספערע. דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט די תורה אין ליקוטי מוהר"ן וואס דער רבי זאגט אויפן פסוק "ואהבת לרעך כמוך אני ה'", אז "ואהבת לרעך" מיינט אז דו זאלסט ליב האבן דיינע איבערגייעכץ און דיינע שוועריקייטן, ווייל "כמוך" - אזוי ווי דו ביסט יעצט, "אני ה'" - בין איך דער אייבערשטער, און איך פיר זיך מיט דיר מיט גרויס רחמנות. אויב א מענטש קוקט גוט, וועט ער שטענדיג קענען טרעפן די גרויסע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים.

דער ראש ישיבה האט זיך באדאנקט און געזאגט אז ער האט זייער הנאה געהאט צו זיין דא אויף שבת, און ער האפט אי"ה צוריק צוקומען נאכאמאל בקרוב.

מוצאי שבת איז מען ארויס אין א פרייליכן ריקוד (זעט אויפן בילד) און דערנאך האט מען זיך געזעגנט פונעם ראש ישיבה שליט"א מיט א געשמאקע געפיל נאך אזא דערהויבענעם שיינעם שבת.

***א גרויסן שכח ר' אברהם הערש פאר די הערליכע באריכט, איך בין זיכער אז אנשי שלומינו וועלן ארויסנעמען דערפון הערליכע הנהגות און עצות אויפן טאג טעגליכן לעבן.***

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו ביים פארלערנען די בלאט גמרא - ב' אחרי קדושים

קרעדיט: שמעון פאדריגאל




אין א שמועס נאכן שיעור אין ישיבה - א' אחרי קדושים

קרעדיט: יוסי פררוויא





בעלעדע רב שליט"א אויף א באזוך אין שטעטל - ב' אחרי קדושים

קרעדיט: יוסי פררוויא





**אויף א באזוך אין די כולל אין שטעטל - ב׳ אחרי קדושים**

קרעדיט: יוסי פררוויא



**אין א שמועס מיטן דיין שליט״א אין שטעטל - ב׳ אחרי קדושים**

קרעדיט: שמעון פיש



**אין א שמועס מיט די גבאי פון די כולל אין שטעטל - ב׳ אחרי קדושים**

קרעדיט: יוסי פררוויא



**ביים געבן א שיעור פאר די בחורים אין ישיבה אין שטעטל - ב׳ אחרי קדושים**

קרעדיט: שמעון פיש



**די בחורים ביים אדורכגיין דעם ראש ישיבה שליט״א נאכן שיעור - ב׳ אחרי קדושים**

קרעדיט: יוסי פררוויא



**ביים אריין שרייבן אין א משניות פאר א מתנה פאר א בר מצוה בחור - ב' אחרי קדושים**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**אין א שמועס אינדרויסן פון ישיבה אין שטעטל - ב' אחרי קדושים**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**הרב אלחנן רוטה שליט"א ביים פארלערנען פאר די בחורים אין שטעטל - ב' אחרי קדושים**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**יארצייט סעודה לע"נ רבי ישעי' ב"ר משה זי"ע אין ביהמ"ד עצתו אמונה אין יבנאל - א' אחרי קדושים**

קרעדיט: נחמן נתן מימוני





**אויפגעשטעלט די נייע גרויסע מאשין אין די בית הדפוס אין בני ברק - ג' אחרי קדושים**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש









**די טייערע מלמדים ביים אויפשפילן דעם ליל הסדר מיט די קינדער אין די תלמוד תורה אין בית שמש**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**קביעת מזוזה אין שטוב פון מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו אין שטעטל - ב' אחרי קדושים**

קרעדיט: שמעון פיש




















**מסיבת הכרת הטוב מיט יארצייט סעודה לע"נ רבי ישעי' ב"ר משה זי"ע פאר די תומכים פון די בית התבשיל אין שטוב פון מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו אין שטעטל - ב' אחרי קדושים**

קרעדיט: יוסי פרערויא, משה אייזנהארן, שמעון פיש





שיעור דף גמרא אין ישיבה - ג' אחרי-קדושים

קרעדיט: יוסי פרערויא

קריאת שמע ליינען ביי בן מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו אין שטעטל - ג' אחרי קדושים






Rabbi Yoel Roth
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

יואל רוטה
ר"מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע"א

בעזרת ה' יתברך

יום ד' פרשת אחרי קדושים, ה' אייר, שנת תשפ"ו לפרט קטן

ישראל פוקס נרו יאיר

איך דאנק דיך פארן זיין אזא געטרייער שמש אין שטעטל שול; איך באקום כסדר גוטע גריסן ווי שיין דו באגייסט זיך מיט די מתפללים.

איך וויל דיר בעטן זאלסט פאררעכטן די אייזקרים מאשין און דאס לייגן אין פאליש, און דאס אנפילן מיט גוטע אייזקרים; ווייל אין שטעטל אז א אינגערמאן וויל אהיים ברענגען פאר די ווייב א גוטע אייזקרים, אז ער דארף פארן ביזן גראסערי און צוריק - איז שוין א גאנצע מהלך, און אז עס וועט זיין אין שול קען מען נאך מנחה מעריב אהיים ברענגען פאר די ווייב אן אייזקרים, עס קען אויפלעבן די גאנצע שטוב, אויפלעבן די שלום בית; ווייל אז די ווייב איז אפגעמאטערט פון די ארבעט מיט די קינדער, און אז דער מאן קומט אהיים, זי זעט ער האט געטראכט פון איר, ער האט איר געברענגט אן אייזקרים - לעבט עס אויף די שטוב.

אויך וויל איך דיר בעטן זאלסט מיר שרייבן די נעמען פון די בחורים און אינגעלייט וואס העלפן דיר אין שול, איך וויל זיך באדאנקען פאר זיי.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

יואל רוטה



דער געטרייע שמש מו"ה ישראל פוקס הי"ו ביים אנפילן די וועדינג מאשין אין שטעטל - ה' אחרי קדושים

קרעדיט: נפתלי זאבעל





דאנערשטאג נאכט שיעור אין ביהמ"ד היכל הקודש מאנסי - ה' אחרי קדושים

קרעדיט: יוסי פרערויא



**די קינדער פון תלמוד תורה אין קרית יואל ביים מאכן א ברכה אויף דיביימער**

קרעדיט: ר' יואל טייטעלבוים



**דער מנהל שליט"א אין די גרעסערע כיתה אין תלמוד תורה בית שמש - ה' אחרי קדושים**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**סיום אויף 7 מסכתות הש"ס דורך הילד מרדכי ני"ו בן המנהל מו"ה יצחק פאפנהיים שליט"א אין תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש - עש"ק אחרי קדושים**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**חדר פירן פון הילד שמואל ני"ו בן מו"ה עמרם בר סימן טוב הי"ו אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק אחרי קדושים**

קרעדיט: שלמה מינצבערג


NO MATTER HOW BIG OR SMALL
CONSIDER IT DELIVERED
From big to small from far to near we are proud to have been the #1 shipping company for the last over 25 years in the Tri State area. Now it's time for us to head to the future with better service and stonger commitment to serve all your shipping needs.
xpres
xpres
DELIVERING PEACE OF MIND
Formerly: UPSTATE XPRESS
845.782.3857
7823857@GMAIL.COM
*sruliHeskel

עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית
בִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ
מעמד
הדלקה רבתי
בקרית ברסלב ליבערטי
אשרינו מה טוב חלקינו בהילולא דבר יוחאי

# עולו ואתכנשו להילולא דרבי שמעון

# הדלקה רבתי

מיט גרויס
התרגשות דקדושה
גרייטן זיך אנשי
שלומינו צום
גרויסארטיגן מעמד

דינסטאג בה"ב ל"ג
בעומר אין קרית
ברסלב ליבערטי
בראשות הראש
ישיבה שליט"א

די מעמד הדלקה
וועט פארקומען מיטן
אייבערשטנ'ס הילף

## אינעם חצר פון ביהמ"ד הגדול

די מעמד
הדלקה וועט זיך
אנהייבן 5:30

די סעודה וועט
זיין אום 7:15

פאר VIP פארקינג
ביטע זיך ווענדן
צום משמש מו"ה
ישראל פוקס הי"ו

## סדר הבאסעס



5:15 נאכמיטאג וועט זיין א באס וואס וועט אויפפיקן פון לעמאנעיד, בית התבשיל, און ירושלים גאס.
במשך דעם מעמד וועט זיין א שאטל פון באזאר וואס וועט אויפפיקן אהין און צוריק.
נאכן מעמד וועט זיין באסעס אהיימצופירן דעם עולם צו די דריי סטאנציעס לעמאנעיד, בית התבשיל, און ירושלים גאס.

צו נעמען א זכות פארבינדט אייך מיטן שמש מו"ה ישראל פוקס הי"ו 845-720-2560

*sruliHeskel

בס"ד
פרשת אמור
אויסגאבע # 16

# אינדערהיים



**איך בין אן אויבער חכם**
ש. טראכטער

**נאר אויף שמחות**
ג. פעקעטע

**די ווערד פון א פענג'**
ש. כ. פליישמאן

## אייער לאקשן לכבוד פסח שני

מ. פאפנהיים

# אינהאלט



4


11



**בס"ד**
אמור
תשפ"ו
**נומער 17**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער



**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

## די ווערד פון א פעני

דער ראש ישיבה האט פארציילט ביים שיעור,
די מעשה: "ג-ט פון מאיר ענטפערט מיר".
אויך היינט קען מען מיט דעם זען ישועות,
א פעני אין פושקע, אזוי פשוט - טו עס!

צדיקים פלעגן זאגן:
א פעני בשום אופן פאר א משולח,
ער וועט זיך באליידיגן, נישט דאס וויל איך,
אבער ר' מאיר'לס פושקע קען אלעס נעמען,
פעניס/אגורות נישטא קיין פארשעמען.

דיין קינד האט אן אויער אנטצינדונג?
מאך מיטן באשעפער א פארבינדונג!
לייג אין פושקע א פעני, א פרוטה,
"באשעפער הייל אויס מיין קינד, ביטע..."

דיין קינד ליגט מיט פיבער?
נוץ דיין תשעה קבין, דיין כח הדיבור!
בעט און טו רבי מאיר'ס טריק,
און דיין קינד וועט פילן גוט צוריק...

אלקא דמאיר ענינו
א קורצע געבעט,
און ניסים מען זעט,
"ענטפער מיר מיין טאטע,
פונקט ווי אין רבי מאיר'ס צייטן..."

~~~ ⭐ ~~~

מעגסט געבן מער פאר רבי מאיר,
צאלסט נישט אויף דעם קיין שטייער...
ס'איז אוודאי זעלבסט פארשטענדליך,
רבי מאיר נעמט אויך גאלדענע רענדלעך...

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9169**
~~~

ש. טראכטער



# איך בין אן אויבער חכם

מיט א צייט צוריק איז מיין טאטע געווען אין "האום דיפא" (א געשעפט וואס פארקויפט האלץ און בוי-מאטעריאל).

האבנדיג אסאך זאכן אנצולאדן אין זיין קאר, האט ער געבעטן איינעם פון די ארבעטער דארט, פאר אפאר דאלער ער זאל אים העלפן מיט די ארבעט.

פלוצלינג קומט צו אן ערל אן פיס רח"ל, ער זיצט אין א "ווילטשער" (רעדער-בענקל) און אפערט אן זיין הילף: "ראביי, איך קען דיר העלפן."

"יישר כח," זאגט אים מיין טאטע, זעענדיג זיין מצב, "איך וויל דיר נישט מטריח זיין."

אבער דער ערל לאזט נישט נאך און וויל דוקא יא העלפן; ער שלעפט זיך אזוי ווי ער איז און פרובירט צו העלפן מיט וואס ער קען.

"עס איז גענוג אז איך האב נישט קיין פיס," זאגט ער, "איך וויל זיך כאטש שפירן ווי א מענטש."

אומגעבעטן האט ער אנגעהויבן דערציילן זיין געשיכטע: "מיט עטליכע יאר צוריק בין איך געווען ביים דאקטער. דער דאקטער האט מיר דאן געזאגט אז מיין צוקער איז זייער הויך, ממש איך האלט ביי א מצב סכנה.

"דער דאקטער האט מיר דאן געזאגט

אז איך האב צוויי ברירות פאר מיר: די ערשטע איז אז איך וועל מוזן אויפהערן צו עסן אלע אומגעזונטע עסנווארג צו וועלכע איך בין זייער געוואוינט, ווי למשל טשיז-קעיק און דענישעס, און איך וועל דארפן אנהייבן עסן געזונט.

דאס האט מיר זייער דערשראקן און איך האב געזאגט פארן דאקטער אז דאס קומט נישט אין באטראכט, ווייל איך גלייך זייער די סארט עסן. איך האב באשלאסן אז דאס איז פאר מיר נישט קיין אויסוואל, און איך האב אים געבעטן צו הערן די צווייטע אפציע."

"די צווייטע אויסוואל," האט דער דאקטער מיר געזאגט, "איז אז דו קענסט עסן וואס דו ווילסט, אבער אין א צייט ארום, ווען די צוקער שטאפלען וועלן ווערן צו הויך, וועט מען מוזן אראפנעמען דיינע פיס."

דער גוי דערציילט אז ער האט דאן געלאכט. "וואס קען אביסל צוקער אין מיין מויל שאטן פאר מיינע פיס?" ער איז ארויס פונעם דאקטער און באשלאסן אז ער הערט אים נישט אויס. "ער איז אן עקסטרעמיסט" האט ער געטענה'ט פאר זיינע חברים.

און אזוי איז ער אנגעגאנגען מיט זיין לעבן. ער האט געשפעט פונעם דאקטער און זיך גערייצט מיט אלע חברים ביי זיינע אומאחריות'דיגע פארטיס: "קוקטס מיר אן... איך עס אלעס וואס גלוסט מיר, און איך שטיי נאך אלץ אויף מיינע צוויי פיס."

זיין ליצנות האט אבער נישט לאנג אנגעהאלטן. עס איז אריבער א שטיק צייט, עטליכע יאר, און דעם דאקטער'ס ווארענונג איז מקוים געווארן. היינט זיצט ער אן קיין פיס, ווייל ער האט זיך געהאלטן קליגער.

....

דוד המלך זאגט אין תהלים: "מאיבי תחכמני" - פון מיינע שונאים האב איך זיך געלערנט צו ווערן קליגער. דער ראש ישיבה דערציילט אפט די מעשה פונעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש, וואס האט אונז געלערנט אז אפילו א גוי איז א שליח פונעם אייבערשטן אונז צו דערמאנען און אויפוועקן צו תשובה און מעשים טובים.

לאמיר נישט זיין ווי דער נארישער מענטש. אוודאי האבן מיר אלע זאכן וואס שפירן ווי צוקער אין מויל; יעדער האט זיינע באקוועמליכקייטן און געוואוינהייטן וואס עס איז שווער זיך צו שיידן דערפון. אבער מיר דארפן זיין קליגער און גלייבן די ערליכע אידן וואס זאגן אונז וואס עס איז פאר אונזער אייביגער גוטס.

די צדיקים ווייסן וואס איז גוט פאר אונזערע נשמות און זיי ווייסן וואס עס שאדט אונז. צומאל זעט עס אויס פאר אונזערע קליינע מוחות "איבערגעטריבן" אדער "טו מאטש" (צופיל), אבער צדיקים ווערן אנגערופן "עיני העדה" - די אויגן פון די עדה. זיי זעען ווייטער און זיי זעען טיפער.

צומאל וואונדערט מען זיך: "איז עס טאקע אזוי געפערליך אויב איך נעם אריין א דעוויס אינדערהיים? איך באהאלט עס דאך פון די קינדער!" אדער: "ממש אזוי... מען מוז זיך טאקע שערן? זענען נישט געווען אנדערע וואס האבן געהאלטן אנדערש?" אדער: "עד כדי כך דארף מען זיך מוסר נפש זיין פאר שלום בית?"

אבער דער וועג איז נאר, ווי דער ראש ישיבה שליט"א זינגט אין דעם אלבום: "פאלגן א צדיק... נאכגיין א צדיק... אוי ווי זיס ווען מען קוקט צוריק... א שאד צו פרובירן... מען קען נאר פארלירן... נאכדעם וויינט מען נעבעך טעג און נעכט."

**ער האט געשפעט פונעם דאקטער און זיך גערייצט מיט אלע חברים ביי זיינע אומאחריות'דיגע פארטיס: "קוקטס מיר אן... איך עס אלעס וואס גלוסט מיר, און איך שטיי נאך אלץ אויף מיינע צוויי פיס."**

מיר ווילן דאך אַלע זיין ערליכע אידישע טעכטער; מיר ווילן דאך אלע אויפשטעלן ערליכע דורות. מיר ווילן אוודאי נישט קאליע מאכן, נאר צומאל קומט אריין דער "אויבער-חכם" אין מח און פרובירט דיר מסביר צו זיין אז אפשר איז דער איין פרט אביסל "צופיל". אפשר פאר מיר איז עס אנדערש? אפשר פארשטיי איך יא בעסער און איך קען זיך היטן, דוקא ווייל איך פארשטיי און איך האב ארויס דעם נושא, ממילא ווייס איך פון וואס זיך צו היטן...

וואו איז דען שייך צו זיין קלוגער? פון זיין קלוגער דערלייגט מען נאר. וואויל איז דעם וואס פאלגט א צדיק מיט תמימות און פשיטות. וואויל איז דעם וואס איז גענוג קלוג צו פארשטיין אז ער איז נישט אזוי קלוג אלעס צו פארשטיין.

די וועלט רוישט; עס גייט א מבול פון נסיונות. עס איז א פחד צו טראכטן

וואס וועט זיין אין א קורצע צייט ארום. אלע ערליכע עלטערן ווילן וויסן: "וואס איז דער וויכטיגסטער יסוד אין א אידישע שטוב?" אויף וואס זאלן מיר זיך פארלייגן?

די ענטפער האט אונז שוין דער הייליגער רבי געזאגט. דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן: "ווען דו קומסט אן צו 'צדיק' און 'אמונה', זאלסטו אויסשפרייטן די פענע" (שרייבן פיל וועגן דעם).

"ויאמינו בה'" - צו האבן אמונה אינעם אייבערשטן איז נאר דורך א צדיק. דער צדיק ברענגט אונז צום אייבערשטן.

דער צדיק איז דער דאקטער פאר אונזערע נשמות. צומאל קוקט מען זיך ארום און מען וואונדערט זיך: "דארף מען טאקע האבן אן ערליכן איד? איך זע דעם און יענעם וויאזוי זיי מאכן א לעבן און טוען פונקטליך וויאזוי זיי פארשטייען, און זיי קומען זיך זייער פיין אויס אן לעבן מיט א מורה דרך."




ווארט נאר ווארט... דאס איז נאכנישט דאס גאנצע בילד. דער נארישער גוי האט אויך געלאכט צו זיינע חברים: "איך האב עס! ווער דארף דעם דאקטער? איך עס וואס איך וויל און איך גיי ארום געזונט און פריש."

חז"ל זאגן אונז: "עשה לך רב". א איד מוז האבן א רב, א איד מוז האבן אן ערליכן איד. נאר ווען מען גייט נאך אן ערליכן איד, ווערט מען אליין אן ערליכער איד. עס קען זיין אז אין אנהייב זעט אויס כאילו "זיי מאכן עס", אבער מיר קוקן נישט אויף חיי שעה, אויף דעם "יעצט". איזהו חכם? ווער איז א קלוגער מענטש? "הרואה את הנולד" - דער וואס זעט וואס עס וועט ארויסקומען שפעטער. שפעטער זעט מען טאקע אז נאר די וואס האבן געפאלגט ערליכע אידן, האבן מרוויח געווען און מצליח געווען.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אין א שיעור פאראיאר ערב שבועות: "וויאזוי איז צוגעגאנגען מתן תורה? דורך משה רבינו, מיט א צדיק. דער אייבערשטער האט דאך געקענט מאכן אז די תורה זאל אראפקומען אזויווי דער מן, פאר יעדן איד אליין, אבער דאס איז נישט דער וועג. מען מוז האבן א צדיק, מען מוז האבן א רבי'ן, אזוי איז מען מקבל די תורה. כדי צו זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה און צו זיין אן ערליכער איד, מוז מען האבן א צדיק!"

לאמיר מתפלל זיין צו האבן שכל נאכצוגיין און פאלגן ערליכע אידן, און זיך נישט האלטן קליגער.

מ. פאפענהיים



# אייער לאקשן לכבוד פסח שני

"א גוטע נאכט! צום ווידערזען נעקסטע וואך!"

מיר האבן זיך פריינטליך געזעגנט, ארויסגייענדיג פונעם וועכנטליכן שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א. פונדרויסן דארף מען נישט כאפן אז מיר האבן בכלל עפעס א שייכות איינע מיט די צווייטע, יעדע מיט איר לבוש, לויט די מסורה פון אירע עלטערן.

אבער מען פילט זיך צומאל נענטער ווי שוועסטער'ס נאכן אריבערגיין די בלבולים און מניעות, יעדע אויף איר וועג. און מען פארשטייט זיך אויפן וואונק, אפילו איך פארגעס צומאל ווי אזוי יעדע הייסט, נאכן איבערפרעגן איך ווייס נישט וויפיל מאל...

איך גיי אהיים מיט לייכטע טריט, אנגעפילט נאך א גוטע שיעור חיזוק, און איבערגעפרישט מיט געשמאקע שיחות חברים(טעס)... יא, פון היינט, פון יעצט, גיי איך שוין זיין די בעסטע ווייב און מאמע, פון די גאנצע וועלט!

אינדערהיים איז שטיל, יעדער שלאפט שוין, עס איז שוין טאקע שפעט, איך לייג זיך שלאפן מיט זיסע חלומות און פלענער אויפן מארגנדיגן טאג, איך וויל אויפשטיין פרי, אויסרישן די קינדער רואיג, און געהעריג צאמנעמען די הויז.

איך וויל אפווארטן מיין מאן מיט א רואיגע שמייכל, און גוטע עסן... ווייסט וואס? ער האט דאך געמאכט די וואך א סיום, איך וועל אנגרייטן זיינע באליבטע בלינצעס. לויט מיין שוויגער'ס רעצעפט, וואס דערמאנט אים נאסטאלגישע יונגט יארן. ווען האב איך עס נאך געמאכט די לעצטע מאל? ניין, זאג מיר נישט אז זייט די בעיבי האב איך עס נאך קיינמאל נישט געמאכט... בושות... אבער שוין, מארגן גייט זיין דער טאג! מארגן גיי איך זיין אן עכטע ברסלב'ע ווייב, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט!

דער טאג הייבט זיך אן מיטן רעכטן

פוס, איך לייג אפילו אריין א פרוטה לצדקה, איבערגעבנדיג מיין טאג צום אייבערשטן, די קינדער גייען ארויס רואיג און צופרידן. איך שטעל אן א לאדן וועש, און איך גיי זיך אביסל צולייגן, נאכן דרימל וועל איך זיך נעמען צום נאכטמאל.

איך דערוועק זיך אויפגעפרישט, איך גיי אריין אין קאך מיט א פרישקייט, זיך נעמען צו די ארבעט. און דער זייגער לאכט מיר אין פנים. וואס?! שוין צוועלעף דרייסיג?! איך בין טאקע גוט געשלאפן... א שעה מער ווי געפלאנט... אבער נישט געפערליך, איך האב נאך גענוג צייט פאר אלעס... איך זוך אויף דעם רעצעפט, געוועזן צייטן וואס איך האב עס געקענט אויף אויסנווייניג. אבער ניין, שטעל איך זיך אפ באצייטנ'ס, זינק נישט איין אין שולד געפילן אויף וואס ס'איז געווען נישט גוט, פון יעצט... היינט גיי איך זיין גוט!

איך שטעל דינסטן צוויבל פאר די פילונג, דערווייל בלענד איך גוט אויס די געמיש פאר די בלעטער, עס קומט ארויס זייער גוט, איך ווארעם אן די פענדל, און איך שעפשע א תפילה:

באשעפער! העלף זאל עס גוט געלונגען! איך גיס אריין א פונקטליכע לעפל, עס פרעגלט זיך גוט אפ, יעצט פראביר איך עס איבערצודרייען, אופס... ס'איז נישט געלונגען... נישט געפערליך, איך פראביר נאכאמאל, פון אנהייב... אבער ווייטער דרייט זיך עס נישט איבער גוט...

זיך נישט מייאש זיין... איך לייג אריין נאך א לעפל, אבער עס דרייט זיך עפעס נישט איבער גוט... באשעפער! וואס איז דא געשען? אזוי לאנג האב איך עס נישט געמאכט, אז איך האב שוין פשוט פארגעסן ווי מען האלט א לעפל אין האנט?

איך גיס אריין נאך א לעפל, א שראק הערט זיך פון שלאף צימער... די בעיבי האט זיך אויפגעוועקט, איך דריי שנעל איבער די בלינצעס... נאכאמאל האט זיך עס צוריסן...

גוט, יעצט בין איך נערוועז ווייל די בעיבי וויינט, איך וועל איר ברענגען דא אין וועגל נעבן מיר. זי בארואיגט זיך אביסל, און ליגט זיך גאנץ רואיג אין וועגל, ענדליך געלונגט שוין א גאנצע בלינצע! לאמיר האפן אז פון יעצט וועט ארויסקומען גענוג פאר יעדן...

די בעיבי צואוויינט זיך ווידער. אויש... זי זעט מיר שוין אויס אביסל הונגעריג, לאמיר פראבירן צו ענדיגן די לעצטע פאר בלינצעס... אבער ס'גייט שוין נישט... די גאנצע געמיש איז שוין געענדיגט מיט צופאטשקעטע בלינצעס...

ווייסט וואס, נאכדעם וואס די בעיבי וועט זיין זאט און רואיג וועל איך פראבירן נאך איין מאל, איך וועל אנגרייטן א נייע קוואנטום און אנפאנגען פון פריש.

דער טעלעפאן קלינגט, מיין שוועגערין, זי נעמט צאם געלט פאר די מתנה פארן פרישן חתן כלה, אין משפחה. איך פראביר איר איידל זאגן אז איך דארף די געלט פאר וויכטיגערע זאכן, אבער זי לאזט נישט נאך: "אזוי גייט עס!" - פארשטייט זי נישט - "יעדע נארמאלע משפחה קויפט א מתנה, מען קען נישט זיין אנדערש פון יעדן!" איך דערמאן איר אז די לעצטע כלה'לע וואס איז שוין היינט א ווייבעלע, האט גערעדט אז זי האט באקומען צוויי חלה דעקלעך און זי



האט נישט וואס צו טון מיט דעם.

אוועקלייגן פאר פסח? א חלה דעקל פאר פסח?

שיקן צום גמ"ח פון געניצטע זאכן אז א שיינע טייערע דעקל?

עס האלטן אין די פיצעלע חתן כלה דירה'לע?

אבער ס'איז נישטא פון וואס צו רעדן, יעדער קויפט, יעדער געבט א מתנה, מען קען נישט זיין די נעבעך'ס פון כלל ישראל...

איך לייג אראפ דעם טעלעפאן מיט א זויערע טעם אין מויל, ביי די לעצטע תנאים האב איך מיטגעהאלטן ווי מיינע שוועגערינ'ס קראצן אויס די לעצטע פאר שקלים, און מען לויפט עס שנעל קויפן, ווייל קיינער האט נישט געהאט צו אויסלייגן פון פאראויס, אויף וועמען שפילט מען?

דערווייל האב איך זיך סתם צונאר געמאכט, און אוועקגעגעבן טייערע צייט אומזיסט, ביז אפאר מינוט זענען די קינדערלעך דא, לעבעדיג און פריש און הונגעריג, און אין הויז איז נישטא קיין זכר פון עפעס נארמאל צו עסן...

די בעיבי איז עפעס נישט רואיג, זי האט שוין געגעסן, מ'האט איר שוין געטוישט, און עפעס וויינט זי ווייטער און ווייטער. איך פראביר איר האלטן אויף די הענט, אוועקלייגן אויפן בויך, אפשר אין וועגל? נאך אלץ נישט גוט.

איך געב איר אינמיטן א דריי אויס, און זי געבט מיר אזא ברעך אן... פון קאפ ביז פיס. אה... דאס האסטו געדארפט? איך קוק אן מיר מיט איר, וועמען טוישט מען פריער? איך קוק זיך ארום אין הויז, די קאך איז איבערגעדרייט, א זכר לבלינצעס... די טיש איז אנגעלייגט... די קינדער גיסן אויס טויס... מיין מאן קומט אט אט אהיים.

באשעפער! ווי אזוי קוק איך אויס? פארשמירט פון קאפ ביז פיס... אזוי ווארט

> **"יא, יא" – טאנצן די אנדערע קינדער – "אין קאך איז דא אייער לאקשן! מיין רבי האט געזאגט אז ס'גייט זיין פסח שני, מאמי האט געמאכט פסח'דיגע אייער לאקשן פאר פסח שני!!!"**

מען אפ א מאן? דאס מיינט א ברסלב'ער שטוב? פונקט לעצטענס האט דער ראש ישיבה גערעדט אז א טיש קומט צו זיין ליידיג, אויף א קאונטער דארף גארנישט ליגן... און דא איז פונקט פארקערט...

"מאמי?" - מיין גרויסער אינגל קומט אריין אינמיטן דערינען מיט פרעגנדיגע אויגן. "מאמי! האסט נאכאמאל געמאכט אייער לאקשן? יענע פון פסח, וואס איך האב זייער שטארק ליב?"

אייער לאקשן??? באשעפער! פון וואס רעדט ער? ס'זעט מיר אויס איז דא וועט זיין נאכטמאל אייער שפייז...

"יא, יא" - טאנצן די אנדערע קינדער - "אין קאך איז דא אייער לאקשן! מיין רבי האט געזאגט אז ס'גייט זיין פסח שני, מאמי האט געמאכט פסח'דיגע אייער לאקשן פאר פסח שני!!!"

זיי ווייזן מיר אן אויף די אומגעלונגענע בלינצעס... מיין גאנצע אומגעלונגנקייט פון אינדערפרי קומט ארויס מיט א פריילעכער געלעכטער...

"מאמי! אונז מעגן האבן?!"

ווייסט וואס? ווער עס וועט שוין אויפעסן די ברויט וועט מעגן האבן...

חמצ'דיגע אייער לאקשן פאר פסח שני... ווער זאגט אז נאר מצות מעג מען האבן פסח שני???

פסח שני איז דאך א עכטע ברסלב'ער יום טוב... אויב בין איך פסח געווען אנגעצויגן און נערוועז, בין איך שוין געענדיגט? אויס ברסלב?

אז איך שריי אמאל אויף מיינע קינדער, בין איך מער נישט קיין גוטע מאמע? אויס ברסלב?

אז איך האב נאך אלץ פאניק אטאקעס, און פחדים, מיינט עס אז איך האב נישט קיין אמונה, אויס ברסלב?

אז איך מיט מיין הויז פליען, מיינט עס אז איך בין נישט קיין גוטע ווייב, אויס ברסלב?

ניין! און ניין! אויב בין איך פסח געווען נערוועז, איז נאך דא א פסח שני!

אויב איך פארליר זיך נאך און איך שריי, איך קום נישט אן צו מיין ארבעט, וועל איך צוריקלויפן צום אייבערשטן און אים בעטן נאכאמאל און נאכאמאל, איך זאל שוין וויסן וואס איך האב צו טון!

די פסח'דיגע האנטוכער און טישטוכער, האב איך טאקע אויסגעוואשן און פארפאקט.

אבער דעם פסח שני וועל איך יא איבערלאזן...

אויף א גאנץ יאר!



# Heavenly Babka

BY: S. LEVY

## INGREDIENTS:

DOUGH:

4 OZ FRESH YEAST (ABOUT 5 TBSP DRY)
1 CUP WARM WATER
1 CUP SUGAR
COMBINE TO ACTIVATE
6 LB FLOUR
1 CUP OIL
4 STICKS MARGARINE
9 EGGS
1 CUP APPLE JUICE
2 CUPS WARM WATER
2 TBSP VANILLA SUGAR
1 TSP SALT
MIX FOR ABOUT 10 MIN LET RISE FOR HALF HOUR
REMEMBER TO TAKE CHALLAH!

FILLING:

SMEAR OIL (I LIKE USING SPRAY OIL IT'S EASIER AND NEATER)
2 CUPS COCOA
2 CUPS CONFECTIONERS SUGAR
3 CUPS SUGAR
2 TBSP VANILLA SUGAR
1 TBSP COFFEE (OPTIONAL)

STRUESSEL:

1 STICK MARGARINE
1-1 1/4 CUP FLOUR
1 CUP SUGAR
PINCH OF SALT
PLACE IN FOOD STORAGE BAG AND MIX BY HAND TILL WELL COMBINED AND CRUMBS FORM.

DIVIDE DOUGH IN 8. ROLL OUT DOUGH TO ABOUT COOKIE SHEET SIZE. SPRAY OIL, PUT COCOA MIXTURE THEN ROLL UP JELLY ROLL STYLE. (SLICE AND BAKE FOR 25 MIN. FOR RUGELACH) BEND IN HALF AND TWIST TO CREATE BABKA PLACE IN 3 LB LOAF PANS. LET RISE FOR FEW MIN. SMEAR EGGS THEN TOP WITH STRUESSEL.

BAKE ON 350˚ FOR AN HOUR CHECK AFTER 45 MIN.

הקדמה: די סוד פון א גוטע רעסעפי! דער הייליגע רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק זי״ע האט אמאל געבעטן זיין ווייב צו מאכן א גוטע זופ אזויווי ער האט געהאט ביי א געוויסע אכסניא, האט זיך די רעבעצין נאכגעפרעגט ביי יענע בעל הבית׳טע די סוד פון איר פיינע זופ וואס מיין הייליגע מאן האט עפעס געשפירט אזא געשמאקע טעם? האט זי געענפערט: ״איך האב ממש גארנישט אין שטוב, איך האב געוואלט מאכן א גוטע זופ, האב איך גענומען מיין טאפ, אנגעפולט מיט וואסער, געלייגט אויפן פייער און געבעטן דעם אייבערשטן ס׳זאל זיין א גוטע זופ. כ׳האב געטראפן אביסל מעהל און אנגעהויבן ארייננגיסן ביסלעכווייז, און אזוי יעדע מאל ווען כ׳האב ארייננגעגאסן האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ס׳זאל זיין א גוטע זופ, דאס איז די סוד״!

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף ווילען מיר אנהייבן ארייננצולייגן רעסעפיס וועכענטליך דא אין די ״אינדערהיים״ אויסגאבע!

אבער געדענקט די סוד פון א גוטע רעסעפי. ״בעטן דעם אייבערשטן״



ג. פעקעטע

# נאר אויף שמחות

אה! ס'קומט שוין די לאנג-ערווארטעטע שמחה'דיגער טאג ל"ג בעומר.

עס איז דאך ווי א חתונה - די טאג פון א צדיק'ס יארצייט. צדיקים האבן די כח צו משפיע זיין אלעס גוטס. גרויסע מתנות ווערן פארטיילט ביים זיך באטייליגן אינעם גרויסן שמחה, צו ביי זייער ציון, אדער ביים זיך באהעפטן מיט'ן צדיק דורך לערנען אין זיין ספר, צינדן א ליכט אין זייער זכות, אדער מיט סיי וועלכע גוטע פעולה מען טוט אינעם טאג, זיך מקשר צו זיין מיט'ן צדיק ביום ההילולא.

שרה הינדי פארציילט מיר אן אינטערעסאנטע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט מיט איר אפאר יאר צוריק:

די שמחה פון ל"ג בעומר האט זיך געשפירט נאך שטערקער אין יענע יאר, איך האב געהאט א חתונה ל"ג בעומר נאכט, וואס דאס איז א טאג וואס איז אריינגעלייגט געווארן צווישן די טעג פון טרויערן אויף די פארלוסט פון די פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים קדושים פון רבי שמעון בר יוחאי, וואס זענען דאן אומגעקומען צוליב זייער גרינגשעצן אין די מצוה פון זיך נוהג זיין בכבוד חבירו. דעריבער, שפירט זיך עס נאך מער ווי א פרייליכע און פאסיגע צייט פאר די לאנג-ערווארטעטע גרויסע חתונה.

מיין מומע מאכט חתונה. ס'איז א נאנטע חתונה, און איך האף צו פארברענגען א גרויסע חלק דערפון מיט די נאנטע משפחה וואס זענען

שוין היינט ווייט אויסגעשפרייט און מ'טרעפט זיך קוים, נאר אויף שמחות טאקע ב"ה. די חתונה אבער האט א ספעציעלע באדייט צו מיר. נישט נאר איין מומע מאכט חתונה, נאר צוויי מומעס מאכן חתונה אין די זעלבע נאכט.

די כלה, א יתומה'לע פון איר מאמע, איז אויפגעהאדעוועט געווארן אין די שטוב פון איר מומע - קומט אויס אז עס זענען דא צוויי מחותנת'טעס פון די כלה'ס זייט. איינס איז די מומע וואס האט אויפגעצויגן די יתומה מיט אזויפיל געטריישאפט און הארץ איבער די לעצטע פאר יאר, און די צווייטע מחותנת'טע, די אמת'ע מאמע פון די כלה, וועט איר נשמה אוודאי אויך זיין אנוועזנד ביי די פרייליכע חתונה.

כאטש מען וועט איר נישט קענען זען, אבער ס'איז זיכער אז זי וועט דארט זיין, זיך מיטפרייען מיט די שמחה, און אראפברענגען השפעות טובות.

אין די לעצטע שטיק צייט האט מיין מומע - וואס האט אויפגעהאדעוועט די כלה - ארומגערופן די נאנטע משפחה בעטן ווער ס'קען איר העלפן מיט די הוצאות פון די חתונה.

אלע ווילן האבן א טייל אין העלפן א יתומה גיין צום חופה בדרך כבוד. מיר האט זי אויך געבעטן צו איך קען איר העלפן מיט די הוצאות. כאטש וואס מיין ווילן איז געווען גאר שטארק, זענען אבער די מעגליכקייטן געווען זייער שוואך.

מיין הארץ וואלט געוואלט אויסצאלן די גאנצע חתונה נאכט, מיט אלע ארומיגע הוצאות דערצו אויך, אבער מיין טאש האט דאס נישט ערלויבט. איך האב געפילט זייער שלעכט אז איך קען איר נישט העלפן מיט וויפיל עס נויטיגט זיך.

ביזדערווייל איז מען אנגעגאנגען מיט די הכנות צום חתונה, און עס האט מיר געקיצלט אביסל אז איך האב נישט געקענט העלפן וויפיל איך וואלט געוואלט, אדער וויפיל זי האט ערווארטעט צו באקומען פון מיר.

אפאר וואכן פאר די חתונה, האט מיין מומע אויסגעליידיגט די שענק פון די כלה וואס גייט שוין באלד אריינמאפן אין איר אייגענע מקדש מעט. אלע זאכן וואס זי האט נישט מיטגעטראגן צו איר נייע דירה, (ווייל נעבעך נעבעך האלטן מענטשן אז מ'טאר נישט ברענגן קיין געניצטע זאכן צו א נייע דירה ווייל ווייל ווייל... איך בין נישט זיכער ווייל וואס) האט זי געשיקט אין א גרויסע איבערגעפילטע בעג פאר מיר, אז איך זאל עס שיין צוטיילן, צושפרייטן, און ווייטער שיקן פאר ווער עס קען עס נוצן.

איך האב דורכגעקוקט דעם איבערגעפילטן זעקל מיט טייערע 'ברענד נעים' קליידער, שיך, עקסעסעריס, צירונגען, טשאטשקעס, און אזוי ווייטער,



## ס'איז מיר אריינגעקראכן אין מחשבה א קליינע טענה'לע: אויב איז טאקע נישטא קיין געלט צו גיין צום חתונה, פארוואס צאלן זיי אזויפיל געלט אויף אזעלכע נארישקייטן?

און ס'איז מיר אריינגעקראכן אין מחשבה א קליינע טענה'לע: אויב איז טאקע נישטא קיין געלט צו גיין צום חתונה, פארוואס צאלן זיי אזויפיל געלט אויף אזעלכע נארישקייטן? דא פרוביר איך צו בעטן מיין מאן, מיינע עלטערן, מיין באקאנטע די מערסטע וויפיל איך קען צוזאמשטעלן פאר חתונה מאכן א יתומה, וואס איז באמת א גרויסע מצוה, אבער נעמען די געלט און נאכדעם עס אויס-ספענדן אויף שוואוילטאג, אויף נישט'יגע זאכן פשוט ווייל עס האט א טייערע brand name מיט א הויכע price tag וואס מען ניצט נאר איין מאל, אדער בכלל נישט - ווי איך האב געזען אויף אסאך זאכן אין די בעג - האט נישט געפילט ריכטיג צו מיר.

מיין שולד געפיל האט זיך אביסל בארואיגט אז איך האב איר נישט געקענט אזויפיל ארויסהעלפן. 'ווער הייסט איר קויפן אזעלכע טייערע זאכן, און נאכדעם אוודאי איז נישטא גענוג שפעזן און מ'דארף צוזאמשטעלן', האב איך געטראכט.

עס איז געקומען נאך נענטער צו די חתונה, און דער אייבערשטער האט געפירט אן אינטערעסאנטע שפיל.

א חשוב'ע פרוי וואס האט אן ארגאניזאציע וואס העלפט ארויס חתונה מאכן יתומות, האט געוואלט שיקן א נדבה פאר דעם צוועק. זיי האבן אבער א פאלעסי אז ביים געבן די צדקה זאגן זיי נישט אז עס קומט פון די ארגאניזאציע, נאר זיי פרובירן עס שיקן בדרך כבוד, עס זאל זיך שפירן ווי עס קומט פון א נאנטע אדער א באקאנטע. אזוי איז אנגעקומען צו מיר א טשעק מיט א גרויסע סומע געלט, וואס די ארגאניזאציע האט געבעטן אז איך זאל עס איבערגעבן פאר דעם צוועק.

איך האב זיך געפריידט אז איך וועל דאך קענען העלפן אביסל מער וויפיל מיינע אייגענע טאשן האבן ערלויבט, און עס איבערגעגעבן אין די נענטסטע געלעגנהייט.

ביים איבערגעבן די טשעק האט זיך מיין מומע באדאנקט, און איך האב איר אריינגעווארפן אז איך בין דורכגעגאנגען די בעגס פון זאכן וואס דו האסט מיר געשיקט, וואס דו געסט אוועק אויסצולייזן די שאפעס פון די כלה. "איך האב געזען דארטן אזויפיל שיינע טייערע זאכן, אפילו אומגענוצטע נאך מיט די "tags" זאג איך איר. מיין מומע האקט מיר איבער מיט א נערוועזע שטימע, "אוי, איך קען מיך נישט קיין עצה געבן מיט די פרוי. די פרוי האט עס גענומען פאר איר מצוה אויסצושטאפירן די יתומה, אבער נישט אויף א נארמאלע פארנעם. זי האלט אין איין קויפן משוגע טייערע קליידער און שמאנצקעס וואס די כלה האט קיינמאל נישט געוואלט נוצן, סיי ווייל עס איז נישט איר טעיסט בכלל, און אויך ווייל עס איז איבערגעצאלטע זאכן, און זי האט נישט געפילט אז עס איז ריכטיג צו גיין מיט זיי.

פארשטייסט? זי וויל עס נישט אהיימנעמען, זי דארף עס נישט, און עס ליגט מיר דא אין וועג. ווען די פרוי נוצט ווען די געלט אויפן ריכטיגן פלאץ, וואלט מען דאך אזויפיל געקענט צוהעלפן צו די צוועק פון די אמת'ע הוצאות פון די חתונה, אבער...שוין - דאס איז וואס זי האט געטון די לעצטע פאר יאר, איינגעקויפט שרעקליך טייערע זאכן און געשיקט פאר די יתומ'לע".

איך האב ארויסגעלאזט אזא טיפע אטעם פון דאנק צום אייבערשטן. די שענסטע זאך איז ווען מ'קען יענעם דן זיין לכף זכות.

דא בין איך דורכגעפאלן.

איך האב שוין געטראכט אויף מיין מומע אז ס'איז נישט געדעכט וואס זי טוט, אויסצוגעבן אזויפיל געלט פאר נארישקייטן און דאן צוזאמנעמען צדקה.

לאמיר זיך אלע שטארקן אין די מידה פון קוקן גוט, זען גוט, און זיך פירן מיט גוטן צו יעדעם ארום אונז. און אפילו ווען עפעס זעט אויס הונדערט פראצענט ווי אן אומרעכט, וועל איך ווייטער פרובירן פון אונטער די ערד טרעפן עפעס צו עס אויסטייטשן לטובה. עס לוינט זיך צו זוכן גוטס, ווייל עס ברענגט אויף דעם מענטש נאך פיל מער גוטס.

**"הייליגע באשעפער, העלף מיר יעדן דן זיין לכף זכות, זוכן נאר גוטס אין א צווייטן. און אין דעם זכות, זיי די מיר אויך דן לטובה, ווייל באמת וויל איך נאר זיין גוט!"**

# קלאסיפייד

## הערליכע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדדומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט
רופט 917–501–5100

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדדום דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר יום טוב שבועות.

**רופט שלמה יאקאבאוויטש**

845–637–5367

## job opportunity

The fun spot – Entertainment Center is looking to hire a new worker, if interest please call us on

347–201–5FUN (5386)


dominogrp.com

Reliable plumbing solutions

loop PLUMBING

917.202.1206


# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה חיים ישעי' דעפריס הי"ו**

וזוגתו חיה תחי'

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## דירות צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדדום דירה און 1 בעדדום דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר שבתים און ימים טובים.

**רופט ראובן בירנבוים**

347–549–5625








יארצייט:

# רבי שמעון בר יוחאי

## וואס מאכט צופרידן

דער מלמד דערציילט

## ס'פליט, ס'בליטשקעט, אבער אסכנה

געב א שמייכל

# דער מלמד דערציילט



## וָואס מַאכְט צוּפְרִידְן?

"רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט אַ צָרָה גֶעטְרָאפְן... דִי רוֹימֶער הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגְעֶנֶען אוּן עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן..."

"שׁ...שׁ.... מַיין אוֹיעֶר טוּט שׁוֹין וֵויי," הָאט מֹשֶׁה שִׁמְעוֹן גֶעבֶּעטְן פוּן זַיין קְלֵיינֶעם בְּרוּדֶער. מֹשֶׁה שִׁמְעוֹן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען בֵּייז, אַזוֹי וִוי אַלֶעמָאל.

מֹשֶׁה שִׁמְעוֹן דְרֵייט זִיךְ אַהֶער אוּן אַהִין אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. זַיין מַאמֶע זֶעט אִים גֵיין לֵיידִיג אוּן פְרֶעגְט אִים: "מֹשֶׁה שִׁמְעוֹן, פַּארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיס אַבִּיסְל שְׁפִּילְן?"

"וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדוּלְד צוּ גָארְנִישְׁט! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ בִּין זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג....."

דִי מַאמֶע זִיפְצְט אָפּ. וָואס גֵייט פָּאר מִיט מֹשֶׁה שִׁמְעוֹן? פַּארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ?

מֹשֶׁה שִׁמְעוֹן אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ פוּן לוּקְסוּס. דָאס הֵייסְט, זַיין טַאטֶע הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ אַסַאךְ גֶעלְט אוּן גֶעטְרַאכְט אַז דִי וֶועג וִויאַזוֹי עֶר וֶועט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי קִינְדֶער וֶועט זַיין אוֹיבּ עֶר וֶועט זֵיי גֶעבְּן 'אַלֶעס!!'.

עֶר הָאט טַאקֶע גֶעהַאט כִּמְעַט אַלֶעס, חוּץ אֵיין זַאךְ: שִׂמְחָה! וַוייל וִוי מִיר וֵוייסְן אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אוּנְז אַלֶעמָאל, "נִישְׁט דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ."

מֹשֶׁה שִׁמְעוֹן הָאט גֶעהַאט אַ 'סֶעגְוֶועי', אַן עֶלֶעקְטְרִיק בֵּייק אוּן אַ סְקוּטֶער. אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ טֵייעֶרְן מָאדֶערְנֶעם זֵייגֶער, וָואס הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אַ קַאלְקוּלֶעיטָאר, אַן אַלַארְם אוּן אַ פְלֶעשְׁלֵייט. עֶר הָאט גֶעהַאט הֶערְלִיכֶע טֵייעֶרֶע 'מִינִיטְשׁוּר קִיטְס' (צוּ בּוֹיעֶן שֵׁיינֶע זַאכְן). עֶר פְלֶעגְט זִיךְ קוֹיפְן אַ נֵייעֶ קַאמִיקְס בּוּךְ כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ. מֹשֶׁה שִׁמְעוֹן הָאט פַארְמָאגְט אַ טְרַאמְפַּאלִין, מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי בָּאלִיס אוּן אוֹיךְ אַסַאךְ גֶעימְס.

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז עֶר יֶעדְן טָאג אַרַיין אִין גְרָאסֶערִי אוּן זִיךְ גֶעקוֹיפְט פֵיינֶע נַאשׁ פַאר רִיסֶעס. אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן מְקַנֵא גֶעוֶוען מֹשֶׁה שִׁמְעוֹן.

חוּץ אֵיינֶער.

מֹשֶׁה שִׁמְעוֹן אַלֵיין אִיז זִיךְ נִישְׁט מְקַנֵא, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דִי אַלֶע זַאכְן מַאכְן אִים נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; פַארְקֶערְט, עֶס מַאכְט אִים נָאךְ מֶער טְרוֹיעֶרִיג. מֹשֶׁה שִׁמְעוֹן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין חַבֶר: "דוּ טְרַאכְסְט אַז וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן דִי מֶעכְטִיגֶע בֵּייק וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דִי בֵּייק אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף וָואס אַרוֹיסְצוּקוּקְן... וָואס גֵייט מִיר שׁוֹין מַאכְן פְרֵיילִיךְ?"

אֵיינֶער פְרֵיידְט זִיךְ צוּ פָארְן צוּ אַ שֵׁיינֶע פְלַאץ, אָבֶּער דֶער וָואס אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעוֶוען אוּן גֶעזֶען אַז דָארְט וֶוערְט מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אִיז נָאר מֶער טְרוֹיעֶרִיג וִוי דֶער וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען אוּן מֵיינְט נָאךְ אַז "דָארְט וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ".

עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט: דָא

זיצט דער אינגל וואס די גאנצע קלאס איז אים מקנא, און יעדער טראכט "ער איז אזוי לאקי (גליקליך)", אבער ער זיצט פאקטיש פארביטערט, אויפגערעגט און גארנישט פריילעך.

...

עס איז ערב ל"ג בעומר - א טאג פארן גרויסן יום טוב. דער רבי האט אנגעהויבן דערציילן די געשיכטע וויאזוי די רוימיים האבן ארויסגעגעבן א גזירה אז אידן טארן נישט לערנען קיין תורה, אבער דער הייליגער רבי שמעון בר יוחאי האט אזוי שטארק ליב געהאט צו לערנען און די תורה האט אים אזוי פריילעך געמאכט, אז ער האט זיך נישט צוגעהערט צו דעם וואס די רשעים האבן געזאגט און ער האט ווייטער געהאט מסירות נפש צו לערנען תורה.

עס איז אריבער א שטיק צייט און די גוים האבן אים אנגעהויבן זוכן; מען האט אים געוואלט הרג'ענען. דער הייליגער רבי שמעון בר יוחאי האט נישט געהאט קיין ברירה און ער האט געמוזט אנטלויפן. דרייצן יאר איז ער געזעסן אין א מערה, געגעסן באקסער מיט וואסער, און געלערנט די הייליגע תורה.

...

משה שמעון הערט זיך צו מיט דארשט. ער קען שוין די מעשה, ער האט עס שוין געהערט אזויפיל מאל, אבער יעצט האט ער עס "דערהערט". יעצט זענען אים די ווערטער אריין אין די אויערן.

דער הייליגער תנא האט נאר געוואלט איין זאך: לערנען תורה, ווייל תורה איז די איינציגסטע זאך וואס מאכט א מענטש פריילעך. ער איז אפילו געווען גרייט איינצושטעלן זיין לעבן דערפאר.

משה שמעון האט געטראכט פון זיינע אלע מעכטיגע שפילצייג, בייקס און געימס. זיי מאכן אים נישט פריילעך, און זיי מאכן אים נישט צופרידן. ער דרייט זיך א גאנצן טאג ארום טרויעריג און אויפגערעגט. יעדעס מאל וואס ער ווערט לאנגווייליג, גייט ער אראפ אין געשעפט און קויפט נאך עפעס, אבער דאס העלפט אים נאר פאר בערך דריי מינוט.

משה שמעון האט זיך זייער געוואלט מקשר זיין מיט רבי שמעון. ער האט אויך געוואלט אנהייבן פילן פריילעך און שפירן די זיסקייט פון די תורה.

יענעם טאג איז משה שמעון אהיימגעקומען און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש. ער האט ארויסגענומען א משניות און אנגעהויבן זאגן מיט א זיסקייט: "מאימתי קורין את שמע..."

ער האט געזאגט איין פרק און נאך איינס. ער האט נאכנישט געשפירט קיין טעם דערין, אבער ער האט געגלייבט וואס דער הייליגער רבי זאגט אז אויב מען לערנט אויף די וועג וועט מען ווערן א גרויסע צדיק, און אז 'משנה' איז די זעלבע אותיות ווי 'נשמה', וואס דאס מיינט אז דורך לערנען משניות באקומט מען א ריינע נשמה. 'משנה' איז אויך די זעלבע אותיות ווי 'משנה' זיין - וואס מיינט טוישן.

עס איז אריבער א טאג און נאך א טאג, א וואך נאך א וואך. משה שמעון האט זיך געריקט ווייטער און ווייטער, און ער האט אנגעהויבן שפירן פריילעך און רואיג. ער איז מער נישט געווארן נערוועז פון די געשוויסטער, ער האט מער נישט געשפירט טרויעריג, און ער איז מער נישט געווען אויפגערעגט.

איין טאג האט די מאמע זיך הויך געוואונדערט: "וואס האט לעצטנס פאסירט מיט משה שמעון?"

משה שמעון האט זיך צעשמייכלט און אנגערופן: "איך האב זיך אויסגעלערנט פון דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי, אז די בעסטע און פריילעכסטע זאך אויף דער וועלט איז תורה!"

אויך איך און דו קענען דאס נאכמאכן. עס קאסט נישט קיין געלט צו לערנען תורה, און עס איז בעסער ווי יעדע שפילצייג אין די גאנצע וועלט!

ווייל תורה מאכט אמת'דיג פריילעך. לאמיר זיך מקשר זיין מיט די הייליגע צדיקים און זיי נאכמאכן, ווייל עס איז בעסער צו לערנען די הייליגע תורה מער פון אלע גאלד און זילבער (און שפילצייג און בייקס)!



# יאָרצייט פון די וואך

התנא אלקי
## רבי שמעון בר יוחאי
זי"ע

יארצייט:
י"ח אייר

**קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דִינְסְטָאג לַ"ג בָּעֹמֶר, י"ח אִיָיר, אִיז דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב, דִי יוּמָא דְהִילוּלָא פוּנֶעם תַּנָא הַקָדוֹשׁ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.**

אִידְן פוּן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קוּמֶען צוּם צִיוּן הַקָדוֹשׁ אוֹיסְצוּבֶּעטְן רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת, אוּן מֶען זֶעט דָארְט גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט אוּנְז כְּסֵדֶר אַז אַ אִיד קֶען זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין צוּם צַדִיק סַיי וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, דוּרְךְ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים אוּן גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן.

מִיר וֶועלְן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אַבִּיסְל פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן דֶעם טָאג אוּן פוּן נִיסִים וָואס אִידְן הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אִין דֶעם טָאג.

...

אֵיין יָאר לַ"ג בָּעֹמֶר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא גֶעפְרֶעגְט בַּיים טִישׁ: "וִוי גְרוֹיס אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר?"

הָאט זַיין זוּן ר' זוּנְדְל גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַזוֹי גְרוֹיס וִוי יוֹם כִּיפּוּר. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם גֶעזָאגְט: "בִּיסְט גֶערֶעכְט, הָאסְט גוּט גֶעזָאגְט." לַ"ג בָּעֹמֶר הָאט טַאקֶע אַזַא גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה וִוי יוֹם כִּיפּוּר.

צַדִיקִים פְלֶעגְן לַ"ג בָּעֹמֶר אִינְדֶערְפְרִי, גֵייעֶנְדִיג אִין מִקְוֶה, זָאגְן: "הֲרֵינִי מְקַבֵּל עָלַי קְדוּשַׁת הַיוֹם". זֵיי הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם טָאג.

...

אִין דֶעם לַאנְד מָארָאקָא הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ פָּארְפָאלְק וָואס הָאט גֶעהַאט בְּרֵייט פַּרְנָסָה. דִי גוֹיִם דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל אוּן הָאבְּן פַיינְט גֶעהַאט דִי אִידְן (אַזוֹי וִוי אַלֶע גוֹיִם, נָאר זֵיי הָאבְּן עֶס אָפְן אַרוֹיסְגֶעוִויזְן). זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר מְקַנֵא גֶעוֶוען דֶעם אִיד מִיט זַיין גֶעלְט, אוּן הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן צוּ קוּמֶען צוּם אִיד אֵיין טָאג אוּן טַעְנָה'ן אַז עֶר אִיז זֵיי "שׁוּלְדִיג" צְוָואנְצִיג מִילְיָאן דָאלֶער.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ בִּלְבּוּל, אַן אוֹיפְגֶעמַאכְטֶע מַעֲשֶׂה; דֶער אִיד אִיז זֵיי בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג גֶעוֶוען. דֶערִיבֶּער הָאבְּן דֶער אִיד מִיט זַיין וַוייבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעלַאכְט פוּן דִי נַארִישֶׁע גוֹיִם. אָבֶּער דִי גוֹיִם הָאבְּן וַוייטֶער פַארְפִירְט אַז דֶער אִיד אִיז זֵיי שׁוּלְדִיג דָאס גֶעלְט. נָאךְ עֶטְלִיכֶע וָואכְן זֶענֶען דִי גוֹיִם גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פָּאלִיצֵיי אוּן אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אַ קְלַאגֶע אַז דֶער אִיד אִיז זֵיי שׁוּלְדִיג צְוָואנְצִיג מִילְיָאן דָאלֶער.

מֶען הָאט גֶערוּפְן דֶעם אִיד אִין גֶערִיכְט. דֶער שׁוֹפֵט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל, אוּן כָאטְשׁ עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁט אֱמֶת, הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז דֶער אִיד מוּז בַּאצָאלְן פַארְן גוֹי דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט.

אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט אַבִּיסְל פַאר לַ"ג בָּעֹמֶר, הָאבְּן דֶער אִיד מִיט זַיין וַוייבּ בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי וֶועלְן פָארְן קַיין מִירוֹן אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְבֶּעטְן אַ יְשׁוּעָה. זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַ טָאג פַאר לַ"ג בָּעֹמֶר אוּן זֶענֶען דָארְט גֶעבְּלִיבְּן פַאר דְרֵיי טֶעג: עֶרֶב לַ"ג בָּעֹמֶר, לַ"ג בָּעֹמֶר, אוּן אַ טָאג דֶערוֹיף.

בִּשְׁעַת דִי פְרוֹי אִיז גֶעזֶעסְן בַּיים מַעֲרָה אוּן גֶעזָאגְט תְּהִלִים, הָאט זִי פְּלוּצְלִינְג גֶעהֶערְט קוֹלוֹת נֶעבְּן זִיךְ. זִי הָאט אַ קוּק גֶעגֶעבְּן אוּן גֶעזֶען וִוי אַן אַנְדֶערֶע פְרוֹי שְׁרֵייט אוּן וֵויינְט מִיט יָאמֶערְלִיכֶע קוֹלוֹת. זִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶער פְרוֹי אוּן אִיר גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס שְׁרֵייסְטוּ אַזוֹי? דוּ שְׁטֶערְסְט דָא יֶעדְן פוּן זָאגְן תְּהִלִים."

דִי פְרוֹי הָאט זִיךְ צֶעוֵויינְט: "וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין שְׁטִיל? אִיךְ הָאבּ צְוֵויי טֶעכְטֶער אִינְדֶערְהֵיים וָואס דַארְפְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט. אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַז עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן."

דִי פְרוֹי פוּן מָארָאקָא, וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען אַ רַייכֶע פְרוֹי, הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער פוּן טַאשׁ אוּן עֶס דֶערְלַאנְגְט פַאר דִי פְרוֹי.

יֶענֶע פְרוֹי אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן; זִי הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַ יְשׁוּעָה בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן. דָאס פָּארְפָאלְק פוּן מָארָאקָא הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן זֵיי זֶענֶען אַהֵיימְגֶעפָארְן. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט דִי בְּשׂוֹרָה אַז דֶער שְׁלֶעכְטֶער גוֹי אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה פַארְבְּרֶענְגֶען, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט פַּאסִירְט אַן עֶקְסִידֶענְט אוּן דִי גוֹיִם זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ.

יֶענֶעם לַ"ג בָּעֹמֶר הָאבְּן פַּאסִירְט צְוֵויי

נִסִים בַּיים צִיוּן הַקָדוֹשׁ: סֵיי דִי פְּרוֹי וָואס הָאט גֶעדַארְפְט גֶעלְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אִירֶע קִינְדֶער הָאט בַּאקוּמֶען דָאס גֶעלְט, אוּן סֵיי דָאס פָּארְפָאלְק פוּן מָארָאקָא אִיז פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן זֵייעֶר צָרָה.

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

...

לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער טָאג. לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דֶעם טָאג צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִיקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ סֵפֶר וָואס הֵייסְט "לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת". רֶבִּי נָתָן הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מֶען זָאל מַאכְן פוּן "תּוֹרָה" - "תְּפִלָּה". דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט אַ תּוֹרָה, זָאל עֶר גְלַייךְ מַאכְן דֶערוֹיף אַ תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּפִירְן דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט", אָדֶער "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען זַיין אַזַא עֶרְלִיכֶער אִיד", וְכַדוֹמֶה.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר 'לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת'. דָאס הֵייסְט, אַז אוֹיף יֶעדֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (דִי תּוֹרוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן'), הָאט רֶבִּי נָתָן מְחַבֵּר גֶעוֶוען אַ תְּפִלָּה, כְּדֵי מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּפִירְן דָאס וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט אִין יֶענֶע תּוֹרָה.

אִין לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת גֶעפִינְט זִיךְ אַ הֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה סְפֶּעצִיעֶל פַאר לַ"ג בָּעֹמֶר, וואוּ רֶבִּי נָתָן בֶּעט זִיךְ בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי עֶר זָאל אוּנְז מְקַרֵב זַיין אוּן מִיר זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. דִי תְּפִלָּה אִיז אוֹיפְגֶעקְרִיצְט אוֹיף דִי וַואנְט אִין דִי מַעֲרָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן אַלֶע אִידְן וָואס קוּמֶען צוּם תַּנָא אֱלוֹקֵי זָאגְן דָארְט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלָּה.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט דִי תְּפִלָּה אוֹיף אִידִישׁ, כְּדֵי מִיר זָאלְן קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס מִיר זָאגְן, אוּן אֲפִילוּ קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלָּה. מִיר בְּרֶענְגֶען דָא אַרָאפּ דִי תְּפִלָּה; עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן הֵיילִיג דָאס צוּ זָאגְן.

לִקוּטֵי תְּפִילוֹת חֵלֶק ב', סִימָן מז:

**"הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, דוּ הָאסְט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה, דוּרְךְ דַיין הֵיילִיגֶע זוֹהַר וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת. אֲפִילוּ מִיר וֶועלְן זַיין אִין דִי וַוייטְסְטֶע פְּלֶעצֶער, הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה - וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה פוּן אוּנְז, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט: "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ".**

**וְהִנֵּה, יֶעצְט זֶענֶען מִיר אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צַייט, דִי גָלוּת צִיט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג, יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט פַארְבֵּיי וֶוערְן מִיר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, מִיר זֶענֶען אַזוֹי ווִי יְתוֹמִים, קֵיינֶער נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר אוּנְז.**

**פוּן אֵיין זַייט זֶעט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, פוּן דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל זֶעט מֶען אַ מִין בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַייטְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְבֶּענְקְט צוּ**



# יארצייט

דִיר, מֶענְטְשְׁן ווילְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק אָן אַ שִׁיעוּר, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

בֶּאֱמֶת בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער וָואס זָאל דִיר קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָּאר אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ וֵייסְט דָאס אַלֵיינְס, דוּ וֵייסְט דֶעם מַצָּב הַדוֹר, וִוי אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פַאלְן נֶעבֶּעךְ, אִיךְ וִויל זִיךְ פָּשׁוּט אוֹיסְרֶעדְן מַיין אֵייגֶענֶע וֵוייטָאג, אִיךְ אַלֵיינְס בִּין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּק מַיינֶע עֲבֵירוֹת, וִוי אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פּוֹגֵם זַיין, עַל אֵלֶה אֲנִי בוֹכִיָּ', אִיךְ וֵויין צוּ דִיר, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְרֶעכְטְן? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן? וואוּ קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְשְׁטֶעקְן פַאר בּוּשָׁה וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעטוּן? וֵויי אִיז מִיר, וָואס טוּ אִיךְ דָא וַוייטֶער? אִיךְ וֵויס אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, דֶערִיבֶּער קוּם אִיךְ צוּ דִיר הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן וִוי אַן אָרֶעמַאן וָואס בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים.

הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ אוֹיסְהַאלְטְן דִי צָרוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶועק זִיךְ אוֹיף אוּן וֶועק אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים, אוּן קוּקְט וָואס גֵייט פָּאר מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיף מִיר זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ וֵייסְט דָאךְ וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַלְץ אַרִיבֶּער פוּן אָנְהוֹיבּ גָלוּת בִּיז יֶעצְט, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת, וּבִפְרַט אוֹיף מִיר, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אוּן פוּן וֶוען מַיין נְשָׁמָה, רוּחַ וָנֶפֶשׁ, אוּן אַלֶע מַיינֶע גִלְגוּלִים זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, בִּפְרַט פוּן דֶעם גִלְגוּל, וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ עוֹבֵר גֶעוֶוען; וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְטֵיידִיגְן?

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִין זַיין הַארְץ, אַ ווילְן מִיר צוּ הֶעלְפְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לֵייג אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע אֱמֶתְ'עֶ צַדִיקִים זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר, זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מִיר, זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן אִין מִיר גוּטֶע זַאכְן, זֵיי זָאלְן מִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ זָאל שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם.

הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ הָאסְט דָאךְ אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, קוּק נִישְׁט שְׁלֶעכְט אוֹיף מִיר, אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן בִּיז אַהֶער. אִיךְ וֵויס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן דָאךְ גֵיי אִיךְ וַוייטֶער דֶערְצֶערֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר, אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ, (אַז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זַיין בַּיי דַיין צִיּוּן וֶועל אִיךְ דִיר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר), אִין דִי זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס, אָמֵן".



# שרייב טישל

## טרעף די ווערטער

**לאמיר ציילן ספירה...**

וויפיל מאל קענסטו טרעפן דאס ווארט
"ספירת העומר"

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| כ | ס | פ | י | ר | ת | ה | ע | ו | מ | ר |
| ק | ר | מ | ו | ע | ה | ת | ר | י | פ | ס |
| ר | מ | ו | ע | ה | ת | ר | י | פ | ס | ר |
| ס | פ | י | ר | ת | ה | ע | ו | מ | ר | ט |
| ס | ר | מ | ו | ע | ה | ת | ר | י | פ | ס |
| פ | ס | ת | ב | ד | ס | ג | מ | י | צ | ל |
| י | פ | ט | כ | ש | פ | ק | ו | ר | ר | ר |
| ר | י | י | מ | ס | י | ח | ע | מ | ס | מ |
| ת | ר | צ | ק | פ | ר | י | ה | ו | פ | ו |
| ה | ת | ס | ת | י | ת | נ | ת | ע | י | ע |
| ע | ה | פ | פ | ר | ה | ח | ר | ה | ר | ה |
| ו | ע | י | ס | ת | ע | ס | י | ת | ת | ת |
| מ | ו | ר | פ | ה | ו | פ | פ | ר | ה | ר |
| ר | מ | ת | י | ע | מ | י | ס | י | ע | י |
| ר | ר | ה | ר | ו | ר | ר | מ | פ | ו | פ |
| כ | מ | ע | ת | מ | ג | ת | ה | ס | מ | ס |
| ס | ס | ו | ה | ר | ו | ה | ה | ב | ר | ר |
| פ | פ | מ | ע | צ | ז | ע | ה | ז | א | מ |
| י | י | ר | ו | ה | ש | ו | כ | ה | ג | ו |
| ר | ר | ו | מ | כ | ת | מ | ג | י | ז | ע |
| ת | ת | ש | ר | ד | ע | ר | ר | ב | ר | ה |
| ה | ה | ו | י | ג | ל | א | י | פ | ק | ת |
| ע | ע | א | כ | ג | כ | ו | ח | פ | ר | ר |
| ו | ו | נ | ק | ח | ש | ה | מ | א | ס | י |
| מ | מ | ח | ת | נ | מ | ג | ה | ו | ב | פ |
| ר | ר | ש | מ | י | צ | ט | מ | ת | ע | ס |

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צו **ציילן ספירה**





# טרעפליך

טרעף די
פאלגענדע
בילדער











**תורתו מגן לנו היא**
**מאירת עינינו**

געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**



# מענטשערליך

**גוט** מאָרגן חַיִים - הָאט זַיין מַאמֶע אִים בַּאגְרִיסְט פוּן קָאךְ וואוּ זִי הַאלְט אִינְמִיטְן צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוארֶעמֶע פְרִישְׁטָאג. "גִיס דִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער".

"אִיךְ הָאבּ שוֹין", הָאט חַיִים עֶנְטְפֶערְט אָן צוּ טְרַאכְטְן..

זַיין מַאמֶע אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן קָאךְ. "אַזוֹי אִינְטְרֶעסַאנְט, אִיךְ זֶע נָאךְ אַן אָנְגֶעפִילְטֶע טֶעפְּל נֶעבְּן דַיין בֶּעט. וֵוייסְטוּ וָואס? גִיס זִיךְ אָפּ נָאכְאַמָאל אוּן טְרָאג עֶס אַרוֹיס, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם".

חַיִים הָאט פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט זִיךְ גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער - דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל יֶענֶע צוּפְרִי, אוּן עֶס אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן. עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין מַאמֶע וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת, אָבֶּער דִי לִיגְנְט הָאט זִיךְ פָּשׁוּט אַרוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט פוּן זַיין מוֹיל.

'וָואס קֶען מֶען טוּן?' - הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ - 'אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן זָאגְן לִיגְנְט'. עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן זַיין נֶעגְל וַואסֶער אוּן גֶעבֶּעטְן "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אִיךְ זָאל מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר אוּן נָאר זָאגְן אֱמֶת".

בַּיי נַאכְטְמָאל, נָאךְ אַ גֶעשְׁמַאקֶע טָאג אִין חֵדֶר, הָאט חַיִים גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטֶע: "טַאטִי, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אִיז עֶר שׁוֹין דֶערְנָאךְ? וֶועט עֶר שׁוֹין אֵייבִּיג בְּלַייבְּן מִיט דֶעם?"

"זֵייעֶר אַ קְלוּגֶע שְׁאֵלָה! דִי עֶנְטְפֶער אִין קוּרְצְן אִיז אַז אַ אִיד הָאט נִישְׁט קַיין מַזָל, אַ אִיד קֶען טוֹישְׁן אַלֶעס דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן גְמָרָא מַסֶכֶת שַׁבָּת, וָואס וֶועט דִיר דָאס עֶרְקְלֶערְן:

"נַחְמָן, דֶעק צוּ דַיין קָאפּ מִיט דַיין שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע קַאפְּל, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין שְׁטֶערְקֶער פוּן דַיין יֵצֶר הָרָע" - הָאט זַיין מַאמֶע אִים דֶערְמַאנְט.

נַחְמָן הָאט בֶּעסֶער צוּגֶעדֶעקְט זַיין קָאפּ אוּן גֶעבֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ זָאל מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר, אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת נָאר זַיין שְׁטֶערְקֶער פוּן מַיין יֵצֶר הָרָע".

נַחְמָן הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס עֶר גֵייט מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע קַאפְּל פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים. בֶּאֱמֶת הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט, וַוייל אַנְדֶערֶע קִינְדֶערְ'ס קַאפְּלֶעךְ פַאלְן צוּמָאל אַרָאפּ וֶוען זֵיי שְׁפִּילְן, זֵיי הֵייבְּן עֶס אַוַודַאי גְלַייךְ אוֹיף, אָבֶּער זַיין קַאפְּל אִיז גֶעוֶוען גֶענוּג גְרוֹיס אַז עֶס הָאט זִיךְ אֵייבִּיג גֶעהַאלְטְן פֶעסְט אוֹיף זַיין קָאפּ.

נַחְמָן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז פִיל יָארְן צוּרִיק זֶענֶען שְׁטֶערְן זֶעעֶרְ'ס גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַאמֶע אוּן אִיר גֶעזָאגְט:



ח. שטיינבערג



זַיין קָאפּ צוּגֶעדֶעקְט, אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם. עֶר אִיז טַאקֶע גֶעבּוֹירְן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן גְנֵיבָה, אָבֶער דִי שְׁטֶערְן זֶעעֶר הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז אַ אִיד אִיז הֶעכֶער פוּן זַיין מַזָל, אַ אִיד הָאט עֵצוֹת וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן: זִיךְ צוּדֶעקְן דִי קָאפּ מִיט אַ גְרוֹיסֶע קַאפְּל אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ זֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ, אוּן דוּ הֶערְסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ רֶעד, אוּן דוּ וֵוייסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ טְרַאכְט, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן דִיר. הֶעלְף אִיךְ זָאל זַיין שְׁטֶערְקֶער פוּן מַיין יֵצֶר הָרָע אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת'".

חַיִים הָאט גֶעמַאכְט אַ עֶרְלִיכֶע נָאךְ בְּרָכָה אוּן בַּאדַאנְקְט זַיין מַאמֶע פַאר דִי פֵיינֶע נַאכְטְמָאל, אוּן זַיין טַאטֶע פַאר דִי שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן

"גֶעדֶענְק צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע", הָאט זַיין מַאמֶע אִים גֶעזָאגְט.

"אִיךְ הָאבּ שְׁ..." חַיִים הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט דִי לֶעצְטֶע רֶגַע פַארְן אַרוֹיסְזָאגְן דִי לִיגְנְט. עֶר הָאט פַארְרָאכְטְן זַיין קַאפְּל אַז עֶס זָאל מֶער צוּדֶעקְן זַיין קָאפּ אוּן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ גֵיי יֶעצְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, מַאמִי".



"דַיין קִינְד גֵייט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גַנָב". נַחְמָן'ס מַאמֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אִידְן זֶענֶען אַסַאךְ הֶעכֶער פוּן דִי מַזָל וָואס שְׁטֶערְן זֶעעֶר'ס זֶעהן. 'מַיין קִינְד גֵייט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק' הָאט זִי גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ. זִי הָאט אִים אוֹיפְגֶעגֵייט אַ גְרוֹיסֶע קַאפְּל, וַוייל אַ קַאפְּל דֶערְמַאנְט אַ מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיף אִים, מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע קַאפְּל פִילְט מֶען מֶער דִי מוֹרָא פַאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - מֶען הָאט מֶער יִרְאַת שָׁמַיִם. אוֹיךְ הָאט זִי שְׁטֶענְדִיג גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְמַאנְט אִיר קְלֵיינֶעם נַחְמָן צוּ בֶּעטְן אַז עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרָע.

דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן אִיז טַאקֶע אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער אַמוֹרָא רָב נַחְמָן בַּר יִצְחָק. אֵיין טָאג, אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּנְטֶער אַ טֵייטְל בּוֹים אִין זַיין חַבֶר'ס גָארְטְן אוּן גֶעלֶערְנְט. אַ קִילֶע וִוינְט הָאט אַרָאפְּגֶעבְּלָאזְן זַיין קַאפְּל פוּן קָאפּ, רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק הָאט אַרוֹיפְגֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען אַ גֶעהֶענְגְל פוּן טֵייטְלֶען הוֹיךְ אוֹיפְן בּוֹים, זַיין יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף אִים, עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיפְן בּוֹים אוּן אַרָאפְּגֶעבִּיסְן דִי טֵייטְלֶען מִיט זַיינֶע צֵיינֶער.

***

זַיין טַאטֶע הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט: "קוּק וֶועלְכֶע גְרוֹיסֶער צַדִיק עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן וַוייל עֶר הָאט אֵייבִּיג גֶעהַאלְטְן

# קליין און שיין


משפחת וועבערמאן זונטאג סקול


משפחת וועבערמאן 73 – שליסל חלה


נחמן נתן ראבינאוויטש


אליעזר שלמה בוים


יוסי ראטה


דוד קויפמאן


הענטשי און פייגי לעווי
בית פייגא בני ברק


חדר קרית יואל


חיים בוים


חיים שלום און יצחק ווערטהיימער


תלמוד תורה קרית יואל


שלום פארקאש


פייגעלע פרידריך און חילע לאנדא


פייגי פריעדמאן


פייגעלע יאקאבאוויטש


אדי היימליך


סילקי ראטענבערג מיט די שכנים


משפחת פרידריך


לאה סאמעט


אסתי היימליך


העני ווערטהיימער


חני אפפעל און פייגי ראטה

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "וואס דארף א איד טון אויף דער וועלט? נאר דאוונען און לערנען און דאוונען!"

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי זאגט: דורך קוקן גוט, דורך זוכן גוטס אין א צווייטן, קען מען**

א. זוכן גוטס אין זיך
ב. יענעם איבערדרייען צו גוטס
ג. טרעפן
ד. ווערט מען נאנט צו אים

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ר' שמעון בר יוחאי זאגט: אונזער גרויסקייט איז, ווייל מיר לעבן מיט ליבשאפט

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך קען פליען, ס'בליטשקעט, אבער ס'איז אויך זייער א סכנה?** (פאר דו לייגסט די תירוץ - טראכט!)

*א פליג מיט א גאלדענע ציין וואס האלט א גאן...*

געברענגט צו אייך דורך דער קיפה וואס האט אויסגעטיילט פופציג אלפים פארלאפענעם פסח

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק שני

**ג. אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה מוֹפְתִים, אֶלָּא לָזֶה שֶׁהוּא מַאֲמִין בִּשְׁנֵי עוֹלָמוֹת.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קֵיין מוֹפְתִים נָאר פַאר אֵיינֶעם וָואס גְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז דָא צְווֵיי וֶועלְטְן.

